STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08926

BLENDIKER HARBST

Sam Simchovitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. סימכאָוויטש

בלענדיקער האַרבסט

לידער

ש. סימכאָוויטש בוכפאַנד
טאָראָנטאָ, 1990

S. Simchovitch

Blendiker Harbst

(Luminous Autumn)

Poems

© Copyright
S. Simchovitch
Toronto, Canada
1990

Printed by
Adler Printing Reg'd.
Montreal, Canada

יזכּור־ליכט

כ׳האָב ווי משה
דעם ברענענדיקן דאָרן געזען —
ער איז מײַן היים געוועזן.

ספר אָטוואָצק

כ׳האָב דורכגעבלעטערט אַ רשימה
אין מײַן היימשטאָטס יזכּור־ספר —
הונדערט נעמען, טויזנט, צען טויזנט
לעבנס און נשמות האָבן געפלאַטערט
און געמאָנט אַ טרער, אַ שטילן קדיש.

פֿאַר מײַנע אויגן האָבן פֿאַרבײַגעשוועבט
ייִנגלעך, מיידלעך לעבנסלוסטיקע
אין שאַלן פּילקאָליריקע, אין טשאַפּקעס,
ווי זיי האָבן זיך געטראָגן ריטמיש־לײַכט
צום טאַקט פֿון דער מוזיק, אין ווינטערפֿראָסט,
אויפֿן אײַזפּלעצל, בײַ דער באַנסטאַציע.

אין ווינטער־שבתים, נאָך דער סעודה,
לאָזט יונגוואַרג זיך אַוועק צום מעראַן־באַרג,
לענגאויס ריימאָנטאַ גאַס אַהינטער שטאָט,
מיט גליטשערס, שליטעלעך און נאַרטעס.
איינס נאָך אַנדערן, טראַציק־פֿריידיק,
לאָזט מען זיך אַראָפּ אין שווינדלשנעל
פֿון באַרג אין טאָל. דערנאָך מע קלעטערט ווידער
אין שניי אַרויף צום באַרגשפּיץ.

אָפּטמאָל, אויף וועג צוריק, כ׳האָב פֿאַרבלאָנדזשעט
צו ר׳ אהרלע דעם קאָזשעניצערס הויף.
ס׳איז היימלעך דאָרט בײַם רבין, ס׳טאַנצן
צוויי ליצנים אויפֿן טיש, און דער רבי
מיט די חסידים קײַכן פֿון געלעכטער.
עס שמט ר׳ אהרלע מיט זײַנע אויסטערלישע

געגנג און פירעכצן. אַ פּאַטש צו קריגן
פון אים ז׳געװוען אַ גרויסע זכיה;
דאַוונען מינחה האָט מען זיך געשטעלט
ערשט צו חצות. נאָר שבת צו נאַכט
האָט דער רבי אויף זײַן פּידעלע געשפּילט
אַזש ס׳האַרץ פֿאַרגאַנגען איז אין מתיקות.

דאָ־דאָרט כ׳טרעף אָן אַ נאָמען אָדער
אַן אָפּבליאַקירט טונקל פּאָטאָ־בילדל
פון מײַנע מלמדים: צאַלקע, יאַנקל מינסקער,
אָדער גאָר די לערער פון דער שקאָלע:
פּאַן דוטלינגער, פּאַן פרײדמאַן, פּאַן קלאַר.
פינף יאָר האָב איך בײַ זיי געלערנט
ליבשאַפט און אָפּשײַ צום פוילנלאַנד.
זיי האָבן זיך פֿאַרדינט דערמאָנט צו װערן,
כאָטש ייִדיש לשון האָט געגרילצט זיי אין די אויערן,
אַרויסרײַסן האָבן זיי געוואָלט עס
פון אונדזערע יונגע מײַלער, מיר זאָלן װערן
װי זיי — פּאָליאַקן פון משהס גלויבן.

כ׳נידער טיפער אין די לאַבירינטן
פון מײַן היימשטאָטס יזכור־ספר.
ס׳קומען אויף כסדר נעמען און געשטאַלטן:
פּעטער עליע מיט דער שיינער, שוואַרצער באָרד,
פּעטער ראובן־מענדל מיט זײַנע טעבטער,
יונגען פון פֿאַראיין — לייבן, קעמפּער
אומדערשראָקענע פֿאַר מושל, שׂררה.
אָט איז בעריש גאָלדשטיין — האַלבער פעלדשער,
אײַלט זיך אויפן ראָווער צון אַ חולה,
און שיעלע קלאַפּעצקי שפּאַנט איבער הויפן
מיט נאָך איינעם פון חברה ״תומכי עניים״ —
קלײַבן שפּײַז פֿאַר בכּבודיקע יורדים.
און אָט איז אַסמאַן, אײַנבינדער און װוילקענער;
ביי אים אין הויז כ׳האָב פֿאַרגעלייענט
מײַנע יוגנט־לידער, זײַן פרוי האָט מיך
צום דיכטער הערשעלע פֿאַרגליכן.

אָ ווײ! אין אַן אויגוסט־טאָג, אין 1942,
האָט מען אַלע זיי געטריבן איבער גאַסן
צום גרויסן באַנפלאַץ ביַי דער ראַמפּע.
אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אין דער חמימה,
דערשלאָגענע פון קלעפּ, דורשט און הונגער.
פאַר נאַכט־צו האָט מען זיי אין פראַכט־וואַגאָנען
אָפּגעשיקט צום מולך אין טרעבלינקע.

אַ שטאָט אַזאַ געווען מיט לעבן, יונגשאַפט;
ווי אַ פעלד מיט זאַנגען האָט געכוואַליעט זיך
זייער צער און פרייד, זייער געזאַנג, געלעכטער.
געבליבן זייַנען נעמען, נעמען בלויז
אין אַ בוך צווישן שוואַרצע טאָוולען —
אַ געדעכעניש אויף דור־דורות.

* * *

די פּאַרטיזאַנערין

קוים אַכצן יאָר איז זי אַלט געווען,
ווי אַ יונגער טאָפּאָלבוים געבליט;
סע האָט געפּרילינגט גאָר די וועלט,
פרײַ געזונגען האָבן אירע טריט.

נאָר נישט געווען איז איר באַשערט
טרינקען פונעם בעכער פון איר פרילינג;
אין מלחמה־פלאַמען האָט דאָס לאַנד
מיט צעשטער און טויט זיך פאַרצווילינגט.

ס׳האָבן געטאָ־דראָטן איר פאַרצוימט
די וואָר און דעם חלום און די פרייד;
האָט זי די צוימען דורכגעריסן,
זיך געלאָזן דורך ברענענדיקער ווײַט,

ביז זי האָט אַליין זיך דערשלאָגן
צו אַ וואַלד־מחנה פּאַרטיזאַנען;
געגאַנגען מיט זיי אין לבנה־נעכט
אויפרײַסן דעם שׂונאס באַנען.

געגאַן זײַנען ייִדן שטיל צום טויט,
די ערד האָט זיי אין זיך פאַרנומען;
נאָר זי, מיט אָנגעצילטער, טרײַער ביקס,
האָט געצונדן יזכור־ליכט — נקמה.

* * *

מאיר ווינער

זאָג, מאיר ווינער, ווו איז דײַן געביין?
וועלכע גרודע ערד האָט דיך באַהאַלטן?
דו, וואָס האָסט אין נסיון־יאָר דערהערט
ס׳געוויין פון קינדער און פון אַלטע.

און ביסט אַרויס, געאָרעמט מיט אַ ביקס,
דעם נאַצידײַטש — אין שלאַכט אַקעגן;
ווו ביסטו געפאַלן? אין וועלכער וויסט
זאָל מען זוכן דיך, נאָכפרעגן?

דו, וואָס געוואָרן ביסט באַשיצער
פון פאָלק און לאַנד, אַקעגן נאַצימאָרד —
לײַכטן וועט דײַן טאַט דורך דורות,
לעבן וועט דײַן, אין בלוט געהייליקט, וואָרט.

* * *

געטאָ־העלדן

בײַם שײַן פון גרויסן געטאָ־שייטער,
וואָס האָט פאַרלענדט דעם גאַנצן שטאַם,
געשוווירן האָבן זיי אַזאַ גורל־נדר:
״נישט שטאַרבן שטיל, ווי אַ לאַם!״

נאָר מיט פײַער און מיט שטאָל — זיך ווערן!
ברענען און פאַרצערן דאָס געביין
פון טיליקער, וואָס איבערזאַט איז
פון יידיש בלוט און יידנפּײַן.

אוישוויץ־עלעגיע

די לייַבער האָבן געבלענדט
ווי מילכווייַסע, קלאָרע לבנות;
ווי עולות תמימות — זיי אַלע,
אומשולדיק ריינע קרבנות.

די פּאַסמעס האָר פון די קעפּ,
וואָס אין געאייַל מ׳האָט געשניטן,
זייַנען געפּאַלן ווי קרוינען,
געטונקען אין אייגענע בלוטן.

ווער האָט עס פאַרנומען, געהערט
דעם בלוט־גליוועדיקן יאָמער
פון מענער און פרויען, געוואָרגן
אינעם פאַרהעמערטן קאַמער?!

דעם ווידוי פון זקן, פון קינד,
דאָס געדראַנג פון די גופים
און דעם קאָנוווּלסיע־כאָרכל —
פאַרשטומטע הימל־רופן.

אָ לעבנס פאַרלאָשענע, שאָטנס,
פון כרובים און שׂרופים מער ריינע,
ווי שטערן אין פינצטערער נאַכט
וועט איר שימערירן און שייַנען.

אַיעדער פון אײַך איז געזאַלבט
אין פּײַן — אַ וועלט־דערלייזער
פון שטיינערנער רשעות און האַס,
פון מענטש־חיות ווילדע און בייזע.

מיט הערצער ווי לאָגלען פון צער
מיר טוען אײַך אַלע באַוויינען, —
ברידער און שוועסטער הנאהבים,
פון כּרובים און שׂרופים מער ריינע.

* * *

זײַ געזעגנט

זײַ געזעגנט, רוסלאַנדס ברייטע ערד,
לאַנד פון גרויזאַמקייטן, לאַנד פון ליבע;
דײַנע לידער שיינע, טרויעריקע,
אויף שטענדיק זײַנען מיר פאַרבליבן.

ווי זאָל איך אויסדריקן מײַן גרויסן דאַנק,
אין וועלכער שפּראַך זאָל איך אײַך בענטשן, —
פאַר טיילן זיך מיט ברויט און געלעגער,
האַרצעדיקע, גוטע מענטשן?

* * *

אויף חורבות

לענגאויס דעם טײַכברעג, שעהען־לאַנג
שפּאַן איך איינער און אַליין;
פון ווײַטנס שטאַרן חורבות —
לאַמטערן אויסגעהוילט פון שײַן.

ס'שטומט די שטאָט, אײַנגעפאַלן,
אין ציגלבערג צעשטויסן;
ער אָוונט נידערט און דעקט צו
י שאַנד און בראָך די גרויסע.

אָר אין אַ חורבה האָט דאָרט ווער
אָנגעצונדן אַ שוואַך ליכט
און אָנגעזאָגט, אַז דאָס אָרט
ועט נאָך ווערן אויפגעריכט.

נישט קוק

נישט קוק, וואָס חורבות רינגלען דיך אַרום,
צעלעכערט און צעקרומט און אויסגעבויגן;
וואָס דורותדיקע מי ליגט צעשמעטערט
און ווייטיקט אָן דײַן האַרץ און די אויגן.

ס'האָט אויף חורבות זיך צעבליט דער פרילינג,
ס'וועט אויף רויִנען זיך צעוואַקסן לעבן;
ווײַל טויט און לעבן זײַנען אַ צווילינג —
מיט ברייטער האַנט אונדז געגעבן.

* * *

מע דאַרף נישט קיין טרערן

מע דאַרף נישט קיין טרערן, פון טרערן ווערט גרינגער —
אַזוי האָט געזונגען אַ ייִדישער זינגער,

און איך האָב די ווערטער געטראָגן, נאָך גרוילן,
צו ייִדישע עדות, אויף חורבות פון פוילן,

איבער ייִשובים און שטעטלעך באַנײַטע,
צו ברידער־שוועסטער — די שארית־הפליטה.

טרייסטן געוואָלט זיי, היילן די וונדן —
צום לעבן גערופן, מיט גלויבן געצונדן.

קילער באַגינען

ליכטיק־צעגרינטע לאַנען
אין טויאיקן פרישן קאַיאָר,
מיניען פאַרבײַ און דערמאַנען
פאַרגאַנגענע יאָרן און וואָר.

ווײ, וויפל וואַסערן זײַנען
אַנטרונען אין טיפע ימען;
די זון האָט געקרײַזט כּסדר,
די צײַט — אין אײביקן שפּאַנען.

און איצט אַזאַ גרינע שלווה,
אַן ערדיש־שטילער גן־עדן;
נאָר ס׳קען נישט דער קילער באַגינען
שטילן מײַן ווײ, מײַנע לײַדן.

* * *

איך בין געבליבן

און איך בין געבליבן צו לעבן, זײַן,
אויפסנײַ זיך פאַרוואָרצלען און צעצווײַגן.
אַהינטער מיר — טרערן־ים, תּהומים פון פּײַן,
נאָר ווידער מוז איך צום מאָרגן שטײַגן.
אָ זון, צי אַרויס פון נעפּל דײַן ליכט,
באַשטראַל מיט דײַן שײַן מײַן אבל־געזיכט.

אָ זון, צי אַרויס דײַן בלענדיקן פלאַם,
מיט זשמעניעס גאָלד די פליינען פאַרשיט,
און מיך — אַ פאַרבליבן צווײַגל פון שטאַם —
זוניק ווי אַ בוים אין פרילינג, אין צוויט.
אָ גאָלדענע זון! אָ ליכטיקע ווײַט!
הייל מײַן טרויער, לינדער מײַן לײַד.

איז ווייניק?

ס׳האָט יעדע זאַך אויף דער וועלט אַ סוף,
און ס׳איז צו אַלץ פאַראַן אַן ענדונג.
ווי לאַנג דאַרף דויערן אונדזער שטראָף —
בראָך און מאָרד און פאַרלענדונג?

האָסט נישט דערהערט דעם גרויסן געוואַלד
פון פאָלק, וואָס איז אָן רחמים אויסגעגאַנגען;
איצט קומט, נאָך נאַכט פון מאָרד און גוואַלד,
אויף אונדז אַ טאָג פון מעסערס לאַנגע.

איז ווייניק נאָך געווען די זעקס מיליאָן,
וואָס מ׳האָט דעם מולך אָפּגעגעבן?
איצט פלאַטערט ווידער דייַן נקמה־פאָן
איבער לעצט־אַנטרונען לעבן.

* * *

צו פּוילן

פון טויזנטער מייַלן, טויזנטער וויאָרסטן,
גייט נאָך מיר ס׳גאָלד פון דייַן ווייץ און גערשטן,

גייט נאָך מיר דער ריח פון דייַן לאָן און פעלד,
דאָרט ווו פאַרבליבן איז מייַן חרובע וועלט.

און דאָ בייַם ברעג פון דער סענע, אַצינד,
מיר דאַכט, אַז כ׳פיל פון דער ווייַסל דעם ווינט,

ווען כ׳פלעג אין פאַרנאַכטן שפּאַצירן בייַם ברעג
אין יענע פאַרגאַנגענע, פרידלעכע טעג.

אָ פּוילן! געווען ביסט מייַן היים, מייַן וועלט,
איצט ביסטו מיר — טרעבלינקע־פעלד.

אין פרעמדער שטאָט

אין פרעמדער שטאָט, פאַרוואָגלט,
זיצסט אַ פאַרלוירענער און טראַכטסט:
ווען, אָ ווען וועט זיך ענדיקן
דײַן טרויעריקע וואַנדערנאַכט?

אַרום דיר פליסט פרײַ אַ לעבן,
ווי אַ טײַך אין ראַשן גאַנג.
פרעמד גערייד און פרעמד געלעכטער
מאַכן אומעטיק און באַנג.

* * *

ווי בלעטער

ווי בלעטער צעווייטע פון ווינט אויפן פעלד,
פאַרוואָרפן מיר זײַנען איבער דער וועלט,
אָן טאַטע־מאַמע, באָבע־זיידע, נע־ונד,
אָן פעטערס, מומעס, שוואָגערס צד.
מיט אַ לשון, וואָס פאַרוואָרפן און פאַרשעמט,
שיפן מיר זיך איבער ימים אין אַ נײַער פרעמד —
צו די שווײַגנדיקע אַנגלאָ־זאַקסן,
הייסבלוטיקע מעקסיקאַנער —
אַ שבט ייִדישע ציגײַנער.

ווי אַ שבעה־זיצער

געפילן שוימען זיך אין מיר —
באַדויער, רחמים, אָנגעשטאָלטער בייז.
כ׳בין אַן אַלטער גרייַז,
אָנגעהויערט איז אויף מיר
דער וועלטס געצאַפּל און דער וויי,
נאָר די צונג איז שווער ווי בלייַ
און לעכצט נאָך תיקון־געזאַנג,
וואָס זאָל די האַרצריסן פאַרהיילן.

פאַרגענגלעכקייט און אָנמאַכט רונדאַרום,
ס׳רינען אויס די טעג ווי קראַנקע אויגן.
ווי אַ שבעה־זיצער, אַ געפּלעפטער
פון זייַן אומגעריכטן אומגליק,
זיצסטו ביז אין טיפער נאַכט אַרייַן
אבלען אויפן צער פון דער וועלט
און אויף דייַן לעבן, וואָס געפאַנגען
אין טרויערנעצן פון פאַרגיין.

* * *

צער און צאָרן

צער און צאָרן — זינגען מײַנע יאָרן
אין כאָר פון שטורמישן יאָרהונדערט;
צער און צאָרן — טיף אײַנגעקאַרבט,
ווי אין אַ בוים פון וויוגע פאַרוואונדעט.

צער און צאָרן — פאַרן מענטש־פאַרניינער,
וואָס האָט מײַן היים מיט וואָרצל אויסגעריסן;
צער און צאָרן — צו פעלקער מאַכטיקע,
וואָס האָבן צוגעזען, נישט געמאַכט זיך וויסן.

צער און צאָרן — פאַר וואָגל־יאָרן
איבער פרעמדע לענדער, קאָנטינענטן;
צער און צאָרן — איבערן מענטשן־מין,
אייביק אָפּגענאַרטן און געשענדטן.

* * *

ציַיט מיַינע

צײַט מײַנע, בלוטיקער יאָרהונדערט
פון אויפשטייגן און וויסטע תהומען,
דײַן גרויסער ווײ יערט אין דער טיף
פון מײַן פאַרוואונדעטער נשמה.

צײַט בראַנדיקע, צײַט פון אומקומבראָך,
וואָס האָט אַ דריטל פון מײַן פאָלק פאַרשלונגען;
דײַנע ווענן אַלע — גאָלגאָטאַס
פאַר מיליאָנען, אַלט־ און יונגע.

דאַרפסט, צײַט מײַנע, על חטא זיך שלאָגן
פאַר די מאָרדגריבער, הויפנס אַשן;
מיט גאָט און מענטש צוריק זיך באַהעפטן,
כדי צו ווערן רײנגעוואַשן.

צו אוירווינג לייטאָן

לייטאָן.
שאַף נישט קיין געזעצן
וועגן מענטשלעכער נאַטור
נאָך בערגן־בעלזן, היראָשימאַ
און וואָרקוטאַ.

דער בן־אדם איז אַזאַ
מין באַשעפעניש,
וואָס מע קען נישט וועגן אים
מאַכן קיין פּראָגנאָזן.

נישט איינמאָל
וועט ער פֿאַלן, קראַכן
אונטערן לאַסט פֿון זײַן פֿאַרדאַרב;
און ווידער אויפשטיין וועט ער,
פֿון בלוטגעשטאַנק געטריבן,
מיט הונגער אין די אויגן —
נאָך זון און פֿרײַ,
נאָך גאָט און מענטש באַגלײַך.

* * *

ברידער־שוועסטער

פאַרנעם, האַרץ מײַן, ס׳געריד פון שפּראַכן
און קלאַנגען אַלע פון פרעמדווערטער;
באַגלײַך מיר שיפן זיך איבערן ים —
צו היימען און צו נײַע ערטער.

קען זײַן נישט איינער האָט אויפן געוויסן,
נישט איינעמס הענט זײַנען נישט־ריינע...
ווי קען מען איצט, נאָך אַלעם, וויסן,
אַז טויטע קענען מער נישט מאָנען, וויינען.

אַז ס׳גייט דאָס לעבן ראַשיק ווײַטער,
מיט שפּראַכן פיל — אַ וועלט־אָרקעסטער,
מוזסטו מיטגיין, מוזסטו ווי אַמאָל
ווידער זינגען: ברידער־שוועסטער.

* * *

סאַראַ שאָד

סאַראַ שאָד וואָס איר אַלע —
טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער,
האָט נישט דערלעבט דעם גרויסן טאָג
פון נצחון און פון פרידן.

ווי כ׳וואָלט טיילן זיך מיט אײַך
מיט מײַן ביסל פרייד און גליק;
ס׳האָט דער נאַצי־שׂטן אַלעמען
אויסגעראָטן, אויסגעשטיקט.

ס׳קען די קברים אײַערע
בלויז דער ווינט אין ווײַטן אָרט,
וואָס קלאָגט ביז הײַנט, באַגלײַך מיט מיר,
אויף אײַער בראָך און וויסטן מאָרד.

דאָך

כאָטש ס׳הויערט אַלץ די בראָך
אויף מײַן יעדן אבר,
און ס׳גייט מיר נאָך אַלץ נאָך
דער גרויסער מאַסן־קבר,

וואָס כ׳האָב אים אויסגעמיטן —
דאָך וויל איך לעבן, לעבן,
פרייען זיך מיט מענטשנפרייד,
ליב האָבן, פאַרגעבן.

* * *

כ׳ווייס

כ׳ווייס, אַז מײַן ליד איז טרויער און זשאַווער
און קען נישט פאַרהיילן אײַערע ווונדן,
בעט איך פאַרגעבונג, וואָס אײַערע לײַדן
האָבן לידער אַזוינע אין מיר געצונדן.

מיט אײַך צוזאַמען, מיט אײַך, מײַנע ברידער,
וואָס אײַער גורל איז נאָענט און אייגן,
מיט אײַך וועל איך זינגען נאָך פרייד־געזאַנגען,
ווען איר וועט באַנײַטע צום לעבן שטײַגן.

יהודה הלוי

דורך נעפּל פון דורות
כ׳זע דײַן געשטאַלט,
געוועבט פון לעגענדעס
יאָרהונדערטער אַלט.

און כ׳טרינק דײַן וואָרט
ווי אַלטן ווײַן —
דורך שׂרפות און מאָרד,
גייט אויף אַ געוויין.

און אין דעם געוויין —
אַ װוּנדער־געזאַנג,
פון אייביקן ייִד
אין אייביקן גאַנג.

* * *

אַ תּפילה

צינד מיך אָן מיטן פײַער
דעם הייליקן פון נביאים,
ס׳זאָל מײַן וואָרט ווי רעגנשפּריי
באַפרוכפּערן צום בליען.

גיב שטורעם, אומרו מיר,
און לײַטערונג פון גלויבן,
ס׳זאָל מײַן וואָרט, מײַן ליד,
מונטערן, דערהייבן.

און כּוח גיב צו טראָגן
דעם דורותדיקן עול,
און מוט צו שטרײַטן אַלע
שׂונאים פון מײַן פאָלק.

דער מיקדש ברענט

דער מיקדש ברענט, גאַנצט הויז אין פלאַמען,
ווי רצועות וויקלען זיך די פֿײַערצונגען;
דער מיקדש ברענט — איין ריזיקער מזבח,
די תמידים און די עולות — פריסטער יונגע.

דער מיקדש ברענט, ס׳לײַכטן אין זײַן שײַן
געקרייציקטע זעלאָטן אויף די שטאַנגען.
זיי הערן, אין גסיסה, דאָס געוואָי, —
רוימישע צעיושעטע געזאַנגען.

העפּ, העפּ ירושלים איז פֿאַרחרובט!
העפּ, העפּ, ירושלים איז פֿאַרלוירן!
ס׳לאָזן זיך אַראָפּ, ווי אָפּגעהאַקטע הענט,
דעם מיקדשס טויערן.

* * *

ווי יעקב

ווי יעקב,
וואָס האָט פֿערצן לאַנגע יאָר
געפּיטערט לבנס שאָף און רינדער
פֿון וועגן רחלען, זײַן געליבטער, —
אַזוי האָבן זיי געגרייט זיך
צו באַטרעטן
די ערד פֿון אויסגעבענקטן לאַנד.

און יעדן טאָג
האָבן זיך געצונדן זייערע בלוטן
מיט ליבשאַפֿט און באַגער.
און אינעם פֿיבער
האָט אויסגעברענט,
דער דורותדיקער פּחד און דער טרויער —
זיי זאָלן קענען שטיין, ווי דוד קעגן גלית,
און ווי הלוי, זיך טוליען צו די זאַמדן.

דאָס ייִדישע לאַנד

אין אָנדענק פון חוה שוואַרץ

דאָס ייִדישע לאַנד וועט זײַן אַ ריינע,
אויף לוחות פון שטיין צו פאַרקריצן:
ריין די הענט פון די בויער,
מנהיגים און באַשיצער.

כאָטש קליין און ענג דער שטח,
וועט זײַן אָרט פאַר די וואָס וועלן
קומען מיט ליבשאַפט און טרײַ
צו דער אַרבעט זיך שטעלן.

ס׳וועט יעדע שטאָט, יעדעס ווינקל
אויפשײַנען מיט שײַן פון אַמאָל;
און בויאונג וועט זיך צעזינגען
איבער בערג און אין טאָל.

די שווערד אין האַנט — אַ שאַרפע,
פון בויער־באַשיצער געהויבן,
געשטאָלט אין ווײַ פון נעכטן,
אין אחרית־הימים גלויבן.

* * *

אַ לענדעלע

פאַראַן אַ לענדעלע
אַ זוניקס און אַ קליין.
און וווּ דו זאָלסט נישט זײַן
אין וועלכער ווײַט —
באַגלייט דיך אַזאַ היילנדיקע פרייד.
ווײַל פאַראַן דאָרטן,
איבער צען טויזנט מײַל —
אַן אָנשפּאַר, אַ ליכטזײַל
אין אונדזער לעבן.

צוריקקום

אַזוי ווי וואָגלער, ווען ס׳קומט זיי אַנטקעגן
פון פרעמדער ווײַט, פאַרשטויסענע וועגן —
די ערד און דער הימל פון היימישן קאַנט;
זיי שטרעקן מיט פרייד אויס די געאָדערטע הענט,
און וואַרעם ווערט זיי אונטער האָריקער ברוסט:
אָט נענטערט דאָס לאַנד פון זייער גלוסט,
מיט אייגענער גאַס, מיט שטאָט און מיט היים —
אַ מקלט פאַר מידן, געפלאָגטן געביין.

אַזוי קומען זיי איצטער, פאַרעלטערט און מיד,
צום היימישן באָדן מיט ציטעריקע טריט.
זיי קושן די ערד נישט, זיי פּרעפּלען קיין זאָג,
נאָר פון די הערצער זיך רײַסט אַ געקלאָג,
ווי ביי אַ חיה, וואָס טראָגט אין די ציין
זויגלינגען בלינדע דורך ברעניקן פליין, —
אַזוי יאָמערט אין זיי דער צער פאַרקלעמט
איבער די יאָרן פאַרלוירן אין פרעמד.

* * *

רחמים

רחמים כ׳בעט ביי דיר,
דרייסטער ברודער מײַנער —
רחמים.

היט אויס דיין האַנט
פון אומשולדיק בלוט —
ווייל יעדעס לעבן הייליק איז.

צו די בני־אברהם

פאַרוואָס זאָלט איר נישט מיען זיך, —
בויען, האַנדלען,
אין יישובים מידבריות פאַרוואַנדלען,
זיך אַרויסהעלפן, ווי ס׳פּאַסט פאַר צאצאים
פון שטאַם סעמיטישן — די בני־אברהם.

הערט אויף די כּלי־זיין שמידן, שאַרפן,
ס׳בייז געדייד — אין ים אַריינצוּוואַרפן,
אָדער גאָר מיליאָנען תושבים —
טראַנספערירן!
באַזיניקט אײַך, ר׳זאָלט, חלילה, נישט פאַרלירן
אײַער ביידנס וועלטן —
דורות זאָלן אײַך פאַרדאַמען און פאַרשעלטן.

נישט ווערט פאַרשיכּורט, פאַרשטיינט צו הערן
דעם ברודערס ווייגעשריי, פון קינד די טרערן,
פון בלוט־געפעכט, עפּעמערישן נצחון;
זאָל דער מויער פון שׂינאה און חשד —
אײַנפאַלן און ווערן צעבראָכן!

* * *

דער לערער

אין אויגן זײַנע טרויעריקע
איז אַ פּײַערל פֿאַרבאָרגן;
זיי פֿרעגן: ווי פֿאַרהיט מען
ס׳ייִדיש־לשון פֿאַרן מאָרגן?

ער לויפֿט אום אַ פֿאַרשמײַעטער
איבער הײַזער, רײַכע היימען
און קנעלט מיט קינדער אלף־בית,
ווי אַ שיפֿער אַ געהיימען.

געלאַסן זײַנען זײַנע רייד
אַנטקעגן פֿריידיקן געלאַך
פֿון קינדער ייִדישע, וואָס שטיפֿן
אין דער נײַער פֿרעמדער שפּראַך.

* * *

פּשטות

פּשטות, ערלעכקייט, פֿרײַען אָטעם,
שטאָט אָנזאָגן און חומרות,
לאַוון, גדרים.
ס׳וויינט דאָס האַרץ אַליין
אין שעה פֿון ווײ,
און ס׳שוימט מיט תהילים־התפּעלות,
מיט פֿרייד, אין שעה געבענטשטער —
צום באַשאַף אַרום,
צום פֿאַרהוילענעם באַשאַפֿער, —
אָן תּפֿילה אײַנגעסדרטער, אָן רצועות.

אייניקל און זיידע

פאַר אַבע און חוה סלאָמאַ

מײַן זיידע האָט מיר
נאָך קליינערהייט
לידער געזונגען
פון לײַדן און פרייד.

לידער פון רייזען
און מאַני לייבן;
ר׳האָט מיך געלערנט
האָפן און גלייבן

אין אַ מאָרגן פון יושר,
גלײַכהייט און פרידן
פאַר אַלע מענטשן —
קריסטן און ייִדן.

טאָ לאָמיר טרינקען
פאַר באָבע און זיידע,
זיי זאָלן זיך עלטערן
אין נחת און פריידן.

זיי זאָלן נאָך פירן
מיט פרייד און געזאַנגען
אייניקלעך אונטער
די חופה־שטאַנגען.

ס׳זאָלן די דורות
ווערן באַנײַט;
ס׳זאָל ווײַטער זיך ציען
די גאָלדענע קייט.

* * *

באַזיניקט אי־יך

ביז וואַן וועט איר נאָך שפּרייטן
פון שׂינאה די זאָמען —
ביים ראַנד פון אַטאָם־תהומען?!

אין געסלעך

ווי ווילדע גראָזן, וואָס וואַקסן פרײַ אויפן פעלד,
אַזוי וואַקסן, אין ענגשאַפט און אין קויט,
מחנות קינדער אין די געסלעך ייִדישע,
ס׳שרײַט זיי פון די פּנימלעך אַראָפּ די נויט.

קומט זומער און שענקט די געסלעך זשמעניעס ליכט,
באַווײַזן קינדער זיך אויפן שוואַרצן ברוק
און שפּילן זיך און לויפן פרײַ אַרום,
ביז ס׳פאַרגייט די שײַן פון מידן זומערטאָג.

גיך פאַרטרײַבט דאָס האַרטע לעבן אַלע זיי
פון שטיבער טונקעלע, ווו ס׳נעסטיקט די נויט;
צעלויפן זיי זיך פון די טריבע היימען,
צו פאַרדינען זיך אַן אייגן שטיקל ברויט.

גייען טייל אויף מערקפּלעצער אַוועק,
טראָגן פּעק און זעק, ווערן גאַסן־יאַטן;
אַנדערע פאַרבינדן זייערע יונגע טעג
צו נײַמאַשינען אין טוכלע וואַרשטאַטן.

דאָך איז פרייד פאַראַן אין געסלעך אָרעמע,
צווישן די געבויגענע און אַלטע ווענט;
ס׳הילכן דאָרט ביז שפּעט אין נאַכט געזאַנגען,
ס׳פלעכטן זיך אין טאַנץ דאָרט יונגע הענט.

* * *

פאַרוואָס?

„מאַמעניו, פאַרוואָס גיי איך אַזוי אָפּגעריסן,
און חיימל דעם קרעמערס נייַע בגדים גייט?
און פאַרוואָס, פון פרי ביז שפּעטער נאַכט,
זיצט דער טאַטע אַ געבויגענער און נייט?

„פאַרוואָס איז בייַ אונדז אין שטוב אַזוי טונקל,
און זעלטן שייַנט אַרייַן אַהער די זון?
פאַרוואָס האָבן שטייַערלייַט אונדז צוגענומען
דאָס שענקל און די אַנדערע ניימאַשין?

„איז גאָט אין הימל אויך אַן אומגערעכטער
און טיילט איַין מענטשן אויף אָרעם־רייַך?"
פרעגט אַ ייִנגעלע בייַ זיין בלייכער מאַמע
מיט אַ קולכל, וואָס טרויעריק איז און ווייך.

שווייַגט די מאַמע אוןווישט זיך שטיל אַ טרער
און באַהאַלט אין זיך איר געוויין.
זאָגט דאָס קינד: „אַז כ'וועל גרויס ווערן,
וועט, מאַמע, מוזן אַנדערש זייַן!"

מאַמעס און זין

ס׳קענען אַלטע מאַמעס נישט פאַרשטיין
די טראַציקייט פון יונגע טריט;
טריפן זייערע טרערן אין דער שטיל
פון די אויגן, ווי טראָפּנט בלוט.

ס׳זײַנען זייערע רייד קלוג־באַזאַכט,
רייד פון מאַמעס אַלטע, אָרעמע:
ס׳קענען נאָך, חלילה, קינדער יונגע
ענדיקן אין פינצטערניש פון טורמע....

נאָר ס׳רעדן זין לאַנג אין זיי אַרײַן
וועגן פרילינגדיקער, נײַער צײַט,
ביז ס׳בלײַבן מאַמעס שטיל־פאַרקלעמט
צווישן טרויער און פרייד.

* * *

שיינע גאַסן

שיינע גאַסן, רחבותע קוואַרטאַלן,
ווו ס׳רוט די זעט
אין נעסטן ווייך־באַהאַלטן,
וואָס וועט איר טאָן,
ווען ס׳וועט מרידה־האָרן אויפשאַלן,
ווען ס׳וועלן פון די אָרעם־געסלעך אַלטע,
די המונים, ווי כמאַרעס אײַך באַפאַלן,
און צעשטערן, און פאַרוויסטן
די שטילע רו פון אײַערע נעסטן?

אין יענעם טאָג

אַז ס׳וועט קומען יענער גרויסער טאָג —
דער אויסגעבענקטער לעבנסטרוים,
און זיך צעבליען רונדאַרום,
ווי אין מאַי אַ צעבליטער בוים,

אַז ס׳וועט אָנקומען אָט דער טאָג,
מיט יובל־אויסגעשריי, מיט פאָנען,
וועל איך אַרויס אין גאַסן דאַן —
פאַר מײַן יונגן לעבן מאָנען.

ס׳וועלן מענטשן שטראָמען פון ווו ווײַט
צו איבערפולע גאַסן, סקווערן;
מיט פויסטן אין דער הייך געבײַלט, —
דעם נײַעם טאָג טרײַהייט שווערן.

— — — — —

נאָר ווײ! דער טאָג איז געקומען
מיט יובל־פרייד, מיט פאָנענרויט...
נאָר מײַנע געסלעך שטאַרן שטומע —
אויסגעקוילעט, אויסגעטויט.

* * *

און ווידער

און ווידער —
צעטיילט איז די וועלט...

און ס׳שטראָמט ווי אַ לאַווע
דער גליאיקער האַס
דורך כוואַליעס פון עטער,
אין הימל־רוימען,
און שפּאַרט אין דייַן הויז
און רעשט אויף דער גאַס
און רויבט צו די רו
פון פרידלעכע היימען.

איבער ימים און לענדער,
דורך טעלעגראַף־דראָט,
שטרעקן זיך הענט,
וואָס לעבצן נאָך בלוט.
און ס׳שפּינען זיך נעצן
פון בלוט און פון גאָלד;
די גייַציקייט ברענט
אַרום דעם ערדקויל.

נאָך טליען אין חורבות
פאַרלאָשענע שׂרפות
פון בלוטיקן נעכטן,
פון גרויזאַמען מאָרד, —
און ווידער באַשאַפט מען
אַטאָם־מגיפות,
און ווידער פאַרסמט מען
דאָס פשוטע וואָרט.

און ווידער צעשטערט מען
די גדרים, די צוימען,
וואָס האַלטן אַרום אונדזער ערד,
און ווידער פאַרחרובט מען
פרידלעכע היימען —
מיט פייַער און שווערד.

* * *

אַ חלום

סע קלינגען די שטאָטישע גלאָקן,
זיי רופן צום שלאַכט און צום זיג.
אַרום לויפן מענטשן און רופן:
"אוי־ווײ, ס'איז קריג! קריג!"

באַלד שלעפּט מען פון די הײַזער
טאַטעס און ברידער און זין;
געסטראָיעט אין רייען, קאָלאָנעס,
מע פירט שוין אַלע אַהין.

און ווײַבער מיט אויגן רויטע
פון וויינען און בהלה־שרעק,
באַגלייטן די מענער און זין
אין זייער ווײַטן וועג.

ווי בין איך אַרײַן אין רומל
צוזאַמען מיט אַלע סאָלדאַטן?
מיר גייען און מיר שעלטן —
אין זייער טאַטנס טאַטן!

באַלד קומט מען אויפן שלאַכטפעלד,
מע גרייט זיך שוין צו דער שחיטה:
מע גראָבט די פײַכטע טראַנשייען —
פאַר יעדן פונקט אויף אַ מיטה.

רוף איך זיך אָן: ״רבותי,
צוליב וועמען און צוליב וואָס?
לאָמיר זיך בעסער אויסציִען
אין ווייכן, דופּטיקן גראָז.

״מיט די פּנימער צום הימל
רוען געמיטלעך און שלאָפן;
פאַרנאַכט צינדן אַ פייַער
און בראָטן אַ פּאָר קאַרטאָפל.״

באַלד האָט מיך עמעץ געמסרט,
אין הויכע פענצטער דערטראָגן:
פאַראַן דאָרט אַ יִידל וואָס זאָגט,
מע דאַרף זיך גאָרנישט שלאָגן.

שוין פירן מיך שומרים צוויי
מיט ביקסן אין דער האַנט
אין שטאַב צום סאַמען העכסטן
אַרמיי־קאָמענדאַנט.

ס׳זיצן דאָרט לייַט אין מונדירן,
אַזוי ווי אויף אַ פּאַראַד;
מע לייענט מיר אַרויס פון פּאַפּירן
דאָס האַרבע וואָרט: ״פאַרראַט!״

און איידער מע גייט מיך אורטיילן
און שיקן צום ריכטיקן אָרט,
באַקום איך, ווי דער מנהג,
צום לעצטן מאָל אַ וואָרט.

„מייַנע הערן, וואָס דאָ דערקלערן
אין דער לעצטער מינוט?
כ'האָב קיינעם נישט געשלאָגן
און נישט פאַרגאָסן קיין בלוט.

„אפילו די הון, וואָס אויף שבת
די ווייַב האָט אָפּגעקאָכט,
האָט מיך געשראָקן מיטן ריח
פון בלוט און פון געשעכט.

„איצט ווילט איר איך זאָל מאָרדן,
חרובֿן היימען און וועלט;
טאָ נאַט אייַך מייַן פעקל ביינער
און טוט מיר וואָס אייַך געפעלט."

* * *

ווי שמשון

ווי וואָלקנברוך זאַמלט זיך דער קומער.
און ווי די כוואַליעס אינעם בייזן ווינט,
זידן אין מיר טיף פאַרבאָרגן —
צער געקעלטערטער, וויי און ווינד.

כ'וואָלט ווי שמשון אויפגעריסן
אַלע בינדשטריק, פענטעס, קייטן
און בלינדערהייט אייַנגעבראָכן
ס'הויז פון טרערן און פון לייַדן.

איך ראָט אײַך

איך ראָט אײַך, מענטשן, אויפהערן קינדלען,
פֿאַרברענען די וויגן, צערײַסן די ווינדלען,

זאָלן קיין דורות מער נישט אויפקומען —
מענטשנפֿלייש פֿאַר פרישע מלחמות,

נפשות נײַע, אין רוצחישער צײַט —
פֿאַר די אַלטאַרן פֿון טויט.

* * *

ווען?

ווען וועלן מיר דערהויבן ווערן,
מיר — די געפֿאַלענע
אין לעבנסדנאָ?
ווען וועט אויסשלאָגן פֿאַר אונדז
די חסד־שעה?

ווען וועלן מיר זיך אויסגלײַכן,
מיר — די געבויגענע
פֿון דורותדיקער יאָך?
ווען וועלן מיר זיך אָפּטרייסלען
פֿון אונדזער בראָך?

ווען וועלן מיר, אָפּגעגאַרטע
פֿון אַלע שיינריידער,
אויסלייזן זיך אַליין —
פֿון בײַטשנדיקער נויט,
פֿון שרעק און פּײַן?

דער אָנגעווירענער וועג

שמואל איז הײַנט אויפגעשטאַנען שפּעטלעך,
ס'האָט אין פענצטער שוין אַרײַנגעשײַנט די זון:
נישט געקענט האָט ער זיך אַלץ דערטראַכטן,
וואָס איז אים פאַרבליבן נאָך צו טאָן.

ווען ער האָט ס'ברויט מיט טיי געגעסן
אײַליק, ווײַל געווען שוין שפּעט,
אַ בליק געגעבן האָט ער טרויעריק
אויפן שלאָפנדיקן ווײַב אין בעט.

אין וויגל האָט דאָס קינד צעהוסט זיך
און פאַרקײַכט זיך אין דער מיט;
ס'האָט יעדער הוסט אירער ווי אַ מעסער
אין זײַן האַרץ געלאָזט אַ טיפן שניט.

ער איז אַרויס אין גאַס, גענומען זוכן
זײַן אָנגעווירענעם לעבנסוועג,
נאָר טירן אַלע זײַנען צוגעשלאָסן,
פון אומעטום טרײַבט מען אים אַוועק.

ר'האָט געוואָלט די הענט זײַנע פאַרדינגען,
פאַרקויפן זיך ביזן לעצטן ביין,
ווײַל אין שטוב לויערט דאָרט דער הונגער,
און ער — דער שפּײַזער פון זײַן היים.

אַזוי פיל שפע אויף די ברייטע גאַסן,
אין די שויפענצטער — אַלצדינג אָנגעברייט,
נאָר צוגעשלאָסן זייַנען פרעמדע אויערן
פאַר אַלע זייַנע שטילע רייד.

סע מישן אויס זיך פאַר די אויגן
גאַס־ און מענטשן, אין לאַמטערן־שייַן;
שמואל גייט צוריק געבויגן,
גנבעט זיך אין שטוב אַרייַן.

ער צינדט קיין ליכט, אין דער פינצטער
אַנידער פאַלט ער אויפן זאַק פון שטרוי;
און וואָגלט, שלאָפנדיק, איבער גאַסן,
ביזן אויפגיין פונעם מאָרגנבלוי.

* * *

עלנט

דורכן טעלעפאָן האָט איר שטימע
געציטערט מיט פאַרהוילענעם געוויין:
״כ׳בין אַליין, אָן קיינעמען געבליבן,
עלנט ווי אַ שטיין.

״כ׳בין נישט אַזוי אַלט, נישט אָרעם,
פאַרמאָג אַן אייגן הויז.
ס׳זאָל ווער אַ מאָל צו מיר פאַרבלאָנדזשען,
אַחוץ אַ שטובן־מויז...״

בײַ דער מאַשין

ס׳רוישט די מאַשין, ס׳קלאַפּט די מאַשין,
און ס׳דרייען זיך רעדער אַהער־אַהין.

ווו יאָגן זיי זיך, מיט זשום און געשריי —
די פּאַסן, די רעדער, און איך נאָך זיי?

ווער האָט מיך פאַרטריבן אַהער דאָ, אין שטויב,
מיט אײנטאָניק געזשום די טעג מיר פאַרטויבט,

און מיך געבונדן צום שטאָלענעם קאָפּ
פון אַ מאַשין, אין הייסן גאַלאָפּ?

אַזעלכע פראַגעס קומען אויף אין מיר,
ווען ס׳וויקלט זיך פאָרויס די לײַוונט־שנור,

און נאָך איר יאָגן מײַנע בײדע הענט,
ווי שאָטנס טונקעלע אויף ווענט.

* * *

פּאָלקישע פרייד

כ׳האָב ליב די גרויסע פרייד די פּאָלקישע
פון מאַסן אויפגערודערט־שאַליקע,
וואָס פליִיצן איבער גאַסן יום־טובדיקע,
ווי שטראָמען אויפגעברויזטע, קוואַליקע.

ווען קנעבט ערשט־נעכטיקע, געבויגענע
גלײַכן אויס זיך שטאָלץ־באַנײַט;
און ס׳קלאַפּט דער ברוק אויס לידער מוטיקע
פון שטורעם און פרייד.

באַזיניקט אײַך

װי רױב־חיות נישט געזעטיקטע
איר שפּאַנט אױף ערד זיכער־שטאַרק;
ציגאַר אין מױל, אין װײַסן קראַגן
אַרום דעם דיקן, רױטן קאַרק.

פֿאַר אײַך די פּרוכט פֿון מי און מאַטער,
פֿאַר אײַך די זעט, דער שױם פֿון װײַן;
פאר אונדז דער שטױב פֿון גרױע שעפּער,
דאָס געלע ליכט פֿון לעמפּלשײַן.

מיר זײַנען מענטשנקינדער אױבעט,
מיר װילן אַרבעט, הײמען, זעט;
באַזיניקט אײַך, אײגננוציקע,
אײדער װערן ס׳קען צו שפּעט.

* * *

אײַער גזע

כ׳בין כמעט אַ האַלבע װעלט שױן אױסגעלאָפֿן
און אומעטום — אױף אײַער גזע אָנגעטראָפֿן.

ס׳איז יענעמס מי און שװײס — נאָר רײַך צו מאַכן,
רױבן װעט איר ס׳לעצטע העמד בײַם שװאַכן.

איך שטײ אַנטקעגן אײַערע טיר־ און פֿענצטער —
אײַך צו װאָרענען און שרעקן מיט געשפּענסטער,

װאָס צעשטערן װעלן אײַער רו און זעט, —
כ׳בין מוכיח אײַערער און צאָרנפּאָעט.

צו די פייגל

פייגל — ליבע צוויטשערס,
פליגל־טרובאַדורן,
ווער וועט אײַך באַשיצן
פון שטאָלענע מאָטאָרן?

פייגעלעך פּיצינקע,
ס׳קומט אַ פאַרלענדונג,
אַ גזר אויף בוים און גראָז,
אויף מאַמע־ערד — אַ שענדונג.

מיט בעטאָן און סמאָלע
וועט מען זי פאַרפלייצן,
ס׳ליכט פון זון אויסרייבן
און דאָס גאָלד פון ווייצן.

לאָמיר, פייגל ליבע,
באַצייַטנס זיך אָפּטראָגן,
אין אַ העק אַ וויסטן
אויפן חורבן קלאָגן.

* * *

ניקאַראַגואַ

די קרוע־בלוע יונגלינגען,
מיט ביקסן און מאַשין־געווער באַלאָדענע,
אויף יובלענדיקע גאַסן פון מאַנאַגואַ,
האָבן מיך דערפרייט — לא אלמן
האָרעפאַשנער מענטש און מאַסע.

טיראַנען אומפאַרשעמטע — ציטערט!
גרייט אָן באַצייַטנס ווילַיעס, אינדזלען —
ווייכע און באַקוועמע נעסטן.
סאַמאָזאַ איז אַנטלאָפן שוין —
אייַער רייַ קומט און נענטערט.

מאַכטיקער בן־אדם

מאַכטיקער בן־אדם,
וואָס שטײַגסט אין שטאָלצן פּלי,
פלינקער פון ווינט גיכער פון אָדלער,
וואָס נידערסט אין ימים
און מײַסטערסט טאָגטעגלעך
די גאָרע וועלט, —
פאַרוואָס איז דײַן גלאָריע פאַרטונקלט,
און שטאָט אַ בענטשונג,
כ׳קלאָג און שעלט?

* * *

מײַן ליד

צום פליער, וואָס שטײַגט אין רוים,
צום שאַכטיאָר, וואָס נידערט אין תהום —
מײַן ליבּ.

צו דעם, וואָס גייט אײַן פון טרויער,
צו דער זונה בײַם טונקעלן מויער —
מײַן גרוס.

צום געליימטן, געשמידט צו זײַן בעט,
צו יעדן וואָס לײַדט און בעט —
מײַן טרייסט.

צום מענטש, די קרוין פון באַשאַף,
וואָס ווערט דערנידעריקט, פאַרשקלאַפט —
מײַן ליד.

װײַן פֿון לעבן

צום װײַטן, אומענדלעכן קװאַל
פֿון ליכט און פֿון בלענד —
מײַן האַרץ איז געװענדט.

אַ תפילה

אַז ס׳פֿאַרגייט ס׳האַרץ אין שטומען צער,
און אויגן־לעפּלעך, פֿײַכט און שטאַר,
שטיקן אַ פֿאַרבאָרגן געוויין —
דאַן טראָגסט דײַן לעבן ווי אַ שטיין,
וואָס שווערט אויף אויסגעמידטער נשמה,
און נישטאָ אַרום קיין פֿונק נחמה.
דעמאָלט נעמען פּרעפּלען ליפּן שטילע
אַ קרישטאָלן־זכּהדיקע תּפֿילה:
״איינציקער, פֿאַרהוילענער און ווײַטער,
לײַטזעליק מײַן גוף און לײַטער
מײַן געמיט פֿון וויסטע נידערן,
כ׳זאָל מיט לעבן קריק זיך ברודערן,
און צערטלען יעדן טאָג־געשאַנק
מיט ריינע הענט, מיט לויב און דאַנק.״

* * *

אין מיר

אַזאַ צאַרטע קרומקייט,
אַזאַ צעריקע שטומקייט,
אַזאַ מילדווייכער צאָרן —
אין מיר.

אין מײַן שטײַגן און פֿאַלן,
אין מײַן שטומען און שאַלן,
אַזאַ ברעניקער דאָרן —
אין מיר.

איך פֿאַרהייל אַלע שטראָפֿן
מיט די עלנטסטע סטראָפֿן,
אין געלײַטער אין קלאָרן —
אין מיר.

פרימאָרגן

נאָך שלאָפלאָזער נאַכט
פון מידע חלומות,
ווען כ׳האָב געוואָגלט
אין ווײַטע מקומות,

קומט אויף דער פרימאָרגן
מיט זאָרג און מיט יאָך;
כ׳שפּאַן אײַן מײַן לעבן
אין עול פון דער וואָך.

און ס׳פלאַטערט מײַן זײַן
צווישן הימל און ערד;
ווערן מײַנע תפילות
ווו ערגעץ געהערט?

* * *

אַ שוואַרצער פויגל

אַ שוואַרצער פויגל איבער מיר
האָט זײַנע פליגל אויסגעשפּרייט;
פאַרטונקלט האָט זײַן לאַנגער שאָטן
דאָס ליכט פון זון און די פרייד.

זײַן שנאָבל טריפט מיט גאַל און סם
טראָפּנווײַז, אַלץ מער און מער,
ביז טונקל ווערט אין מײַן טיף
און דאָס האַרץ ווערט שטייניק־שווער.

די שלייפן אָנגעדראָלן ווי שטריק,
דער בליק מיט אימה אָנגעגאָסן.
אַ שוואַרצער פויגל איבער מיר
האָט די פרייד מײַנע פאַרלאָשן.

לערער און חכמים

לערער און חכמים,
נאָר איר קענט טרייסטן, שטאַרקן
אַ מענטשן אין זײַן עלנט.

כ׳בין מיד פון צער און צאָרן,
כ׳דאַרף ווערטער מילדע, ווייכע,
וואָס זאָלן גורטן מיט אהבה, זין.

איר חכמים,
וואָס געשטראָפט האָט און פאַרגעבן —
כ׳דאַרף אײַער חיזוק ווי דאָס לעבן.

* * *

ס׳ליכט פון חסד

פאַרלעש דאָס טליענדיקע פלעמל
פון באַדויער און תרעומה
אַקעגן מענטש און גאָט.
ברעך אויף די צוים פון אַליינזײַן,
זאָלסט האָרכן און פאַרנעמען
ס׳געצוק פון שטאַרבנדיקן זקן
און ס׳געוויין פון נײַ־געבוירן לעבן.
רײַס אויס פאַרדרוס ווי ווילדגראָז
פון אַלע נעכטנס און אַצינדערטס,
ס׳זאָל אין דײַן געפּרוווקייט אויפגיין
דאָס ליכט פון חסד און פאַרגעבונג.

מייַנע טעג

ס׳רינען אויס מייַנע טעג און וואָכן —
אַ נישט־דערזונגען געזאַנג.
כ׳גיי אום פאַרשאָטנט, געבויגן
פון אומעט, וואָס מאַכט מיך קראַנק.

טעג מייַנע שלאַפע און צעריקע,
כ׳טרינק אייַך ווי קידוש־ווייַן;
אייגן איז מיר דער טרויער,
הייליק איז מיר די פּייַן.

* * *

נישט בלויז

נישט בלויז דער פרילינג, וואָס קומט אויף מיט בליאונג
און שטראַלט פילקאָליריק אויף פעלדער פאַרזייטע,
נאָר אויך דער האַרבסט מיט די ברוגזע ווינטן,
מיט אבל־בלעטער אויף וועגן צעשפּרייטע —
איז ליכטיק און שיין.

נישט בלויז די שעהן, די רגעס געבענטשטע,
ווען ס׳ליכטיקט דאָס העלע פלעמל פון גליק,
נאָר אויך די טעג פון ענגשאַפט, באַדויער,
וואָס בינדן און קלעמען ווי שנייַדיקע שטריק —
אויך זיי זייַנען דייַן.

פאַרגיב

האַרץ מייַן, נישט לאָז ס׳זאָל פאַרשטומען
דייַן פשוטע פרייד פון געמיט;
זאָל נישט דער האַס, די ביטערניש
טריפן מיט סם אין דייַן ליד.

און האָט דיך דער רשע באַליידיקט,
און האָט דיך דער לץ אויסגעלאַכט,
און גייסט אַרום איבער גאַסן
עלנט־אַליין ווי אין נאַכט,

פאַרגיב, פאַרגיב, און דורך טרערן
זאָל ווערן דייַן צער אויפגעלייזט;
די זון וועט מאָרגן אויפשייַנען
און ברענגען היילונג און טרייסט.

* * *

וועג פון לעבן

ווי גוט צו זייַן אַ גייער
אויפן ברייטן וועג פון לעבן
זיך פרייען מיטן קינד, וואָס שפּילט זיך
אין גערטנדל, ביים הויז
און מיטן צאַרטן בליק פון מיידל,
וואָס שוועבט פאַרביי דיר אויפן טראָטואַר.

ברייטער וועג פון לעבן,
פול מיט רויש פון אויטאָס, מענטשן,
וואָס כוואַליען איבער גאַסן נאָך אַנאַנד —
כ׳האָב ליב, איך פאַרנעם
דייַן גערויש און ריטעם,
ווי לופט וואָס כ׳אָטעם.

אַנטפּלעק זיך

אַנטפּעלק זיך אויפסנײַ אין װוּנדער פֿון שײנקײט,
ס׳זאָל אָפּטאָן פֿון מיר זיך די שװערע אַלײנקײַט,
כ׳זאָל װערן באַנײַט, װידער־דערהױבן —
מיט לעבנספֿרײד, מיט רײנעם גלױבן.

דערפֿרײ מײַן אױג מיט בלי, מיט פֿאַרבן,
ס׳זאָל מער נישט שרעקן — פֿאַרגײן און שטאַרבן,
ס׳זאָל דורך טרערן, אין שטילן געבעט,
מײַן תּפֿילה װערן דערהערט.

* * *

יעדער טאָג

ס׳גײט אױף פֿאַר מיר יעדער טאָג
װי אַ הײליק װוּנדער,
און יעדן טאָג װער איך אױפסנײַ געבױרן.
כ׳טרעט מיט גרינגע טריט
אױף װײכן שטױב פֿון ערד
און גײ מיט אױגן אָפֿענע —
אַקעגן װײַסן װוּנדער פֿונעם טאָג.

דער ים פון ליכט

דער ים פון ליכט, פון הימלבלאָ,
מיט וואָלקנס, פּוכיק און העלגראָ,

וויקלט ווי אַ טלית מיך אַרום
און מאַכט מיך התפעלותדיק און פרום.

כ׳וואָלט אָפּגעשטעלט זיך אין מיטן גאַנג,
איבערפול מיט שירה — לויב און דאַנק —

און צענומען מײַנע הענט אַרויף,
און געפלאַטערט ווי אַ ווײַסע טויב,

און געזשומעט ווי אין וואַלד אַ בין —
מיט פרייד פון זײַן, מיט חדוה פון זין,

אָדער גאָר, ווי די חסידים ראשונים —
געטאָן אַ שפּרונג, אַרויסגעלאָזט אַ ברום,

און מיטן קאָפּ זיך איבערגעקערט
אויף דער גוטער, ווייכער ערד.

* * *

בן־אדם

די זון טרינקט אָן די ערד מיט שײַן,
דאָס פעלד ליגט אָפּגעפרישט אין טוי, —
פאַרוואָס זשע גייסטו אום אַזוי
מיט וואַקלדיקן, מידן טראָט,
האַר פון דאָרף און שטאָט?

זע ווי ליכטיק איז דער וועג,
און דער האַרבסט בלענדט גאָלדיק־בלוי, —
פאַרוואָס זשע גייסטו אום אַזוי
מיט זיגזאַגיקן טראָט,
בן־אדם, בן־גאָט?

אָפּעראַציע

דער קאָפּ — אַ באַלעם, איַינגעקלאַמערט
אין ברענענדיקע רייפן;
די אויגן — פון שרעק צוגעשלאָסן,
מיט האַסט טיקן די שלייפן.

די שוועסטער שוועבן ווי מלאכים
אַרום אים אין וויַיסע קליידער;
אויפן אָפּעראַציע־טיש, געבונדן,
ר׳ליגט און וואַרט אויף דער עקדה.

פאַמעלעך נעמט דער שלאָף אים איַין
אין זיַינע טיפע נאַכט־געוועבן;
נאָר דער לויערער, אומזעבאַר, —
וואַרט צוקאָפּנס אויף זיַין לעבן.

* * *

אַ מינחה

פאַר אליעזר וויזעל

דיַין הילף איז כּהרף־עין,
דיַין שטראָף איז גרויזאַם און לאַנג;
דו פירסט מיך אַרויס פון אַלע
טאָלן פון טויט און פאַרגאַנג.

מיט וואָס האָב איך פאַרדינט זיך
צו דיַין באַשיציקער האַנט?
איינער אַליין אַרויס כ׳בין
פון עמק־הבכא בראַנד.

כ׳שטורעם, מיַין גאָט, אין מרידה,
און ברענג דיר אַ מינחה — מיַין ליד,
געהייליקט אין פיַיער פון גלויבן
אין מענטש און אין ייִד.

וואָלקנס טרערן

יעדן טאָג, מיט זון־אויפגאַנג
גייט אויף גאָטס ליכטיקייט און פרייד,
נאָר מענטשנס טרויער, זייערע לײַדן
פאַרשוועכן גאָר די הייליקייט.

פון יעדער טרער פון מענטשנס אויגן
ווערט אויפן הימל אַ שוואַרצער פלעק,
און פון די פלעקן ווערן וואָלקנס,
דער הימל ווערט מיט זיי באַדעקט.

פון די וואָלקנס קומט דער שטורעם,
וואָס נעמט אַרום די גאַנצע ערד;
נאָך די דונערן און בליצן
אײַנגעשטילט אַרום אַלץ ווערט.

און ס'נעמען שלאָגן גראָזן, פלאַנצן
מיט פרישע שפּראָצונגען, מיט בלי;
און ווידער שײַנט די זון און וואַרעמט
די וועלט אַיעדן אין דער פרי.

אַ קאַץ

אַ קאַץ איז פאַרקראָכן אונטערן הויז,
געוואָלט זיך פון קעלט אויסבאַהאַלטן;
איצט מיאַוקעט זי פון דאָרטן אַרויס
פון אונטער ברעטער און שפּאַלטן.

האַלבנאַכט, ווען כ׳קום אויף פון שלאָף,
פאַרנעם איך ס׳געבעט פון די טיפן;
ס׳ציטערט אין חלל דאָס קעציש געוויין
אירע דינע, הילפלאָזע רופן.

פון טאָג צו טאָג גייט איין איר קול,
ווי אַן עבאָ פון ווייַטן פאַרשטילט;
ס׳גייט אויס די קאַץ דאָרט איינע אַליין
אונטער אַ שטוביקן דיל.

* * *

געדעכענישן

אַלטע, גראָע פרויען, מיט דריבנע טריט,
שפּרייַזן דורך, געבויגענע און מידע;
ס׳הענגען שלאַבעריק, אָפּגעדאַרט
זייערע אַלטע, מידע גלידער.

ס׳וויגן אין דערמאָנונג זיך די קעפּ
און ציען אין אַמאָלן זיך צוריק:
אַ לעבן דורכגעטראָגן, און געבליבן
זייַנען בלויז געדעכענישן — ווײ און גליק.

גורל

גורל, זע: כ'בין אָרעם, שוואַך,
מײַן פּנים איז פֿאַרהילט אין טרויער;
גיב זשע אויך צו מיר אַ לאַך
מיט דײַנע מזל־אויגן בלויע.

זאָל אַ מאָל צעשײַנען זיך
די זון פֿאַר מײַן טיר און טויער.
גורל, גיב צו מיר אַ לאַך
מיט דײַנע מזל־אויגן בלויע.

* * *

פרייד פון לעבן

פרייד פון לעבן אויפגעקוואַלטע,
ריזל אין מיר מער און מער;
אין שעה פון לײַד און באַדויער,
ליכטיק דורך מײַן שטילע טרער.

ליכט פון בענקשאַפט, שײַן פון האָפן,
טליע אין מיר אָן אויפהער;
אין טעג אין בייזע, האַרבע —
ליכטיק דורך מײַן טרער.

צום נײַעם טאָג

כ׳בין געלעגן אײַנגעקנוילט, אין פֿאַרטאָג,
ס׳האָט געשווידערט אין מײַן טיף אַ קלאָג.

אויף חלום־וואָגשאָל האָבן זיך געוויגט
מײַן אָפּגעמעקטע היים, מײַן קינדערוויג.

האָט די פֿרימאָרגן־זון פֿון אויבן
זיך אַרײַנגעריסן דורך די מאַטע שויבן.

ס׳האָבן אירע שטראַלן זיך צעברענט
אויף דער סטעליע, טונקעלע ווענט.

באַלד האָבן זיי מיך אָנגעקליידט
אין אַ קאָליריק שטראַלנקלייד,

מיט גאָלדפֿעדעם מײַן קאָפּ באַקרוינט,
מיט קושן וואַרעמע מיך באַלוינט,

און אַרויסגעפֿירט, אין פֿרישן אינדערפֿרי —
צום נײַעם טאָג, צו באַנײַטער מי.

* * *

אַיעדע רגע

אַיעדע רגע לעבן
איז פֿול מיט פֿרייד פֿון זײַן.
אַיעדע רגע לעבן
הייליק איז און שיין.

נישט צאַמען פֿרייד פֿון לעבן
וועט פֿון פֿאַרגיין דער גזר;
ווי צוויט און קנאָספּ, וואָס קומען
אין פֿרילינגדיק געשפּאַר.

דער הימלוועג

פול ווי דער ים מיט כוואַליעס אין טראָג,
ליכטיקט מײַן אויג מיט שײַן פון טאָג.

ליכטיק־דורכזיכטיק, ווײַט אָן אַן ענד,
דורך וואָלקנבערג און לויטערע ווענט,

כּישופדיק ציט זיך דער הימלוועג,
מיט וואָלקן־שויבער געשפרייט, באַדעקט.

כ׳פאַרשליס מײַנע אויגן ווי אין שלאָף
און שטײַג אויפן הימלוועג אַרויף.

ווײַט איז דער וועג, אומגלויבלעך־שיין,
ס׳נעמען היכלות מיך דאָרט אַרײַן.

און פּלוצעם כ׳דערוואַך — אויס הימלוועג,
נאָר פול כ׳בין מיט שײַן, פול אָן אַ ברעג.

* * *

טראָט נאָך טראָט

טראָט נאָך טראָט, —
אין פרימאָרגן־זון און העל,
שפּאַן און זינג, זינג און קוועל
מיט דײַן נחלה טאָג און זײַן,
מיט דײַן פולן כּוס מיט ווײַן,
כּוס פון וואָרזײַן, כּוס פון טרוים,
וואָס גייט איבער מיט געשוים.

טראָט נאָך טראָט, האַסט־געשפּאַן
אויפן האַרטן גרונט פון לאַנד.
מיט אויגנבליק אין ווײַט געווענדט
און מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צו וועלט־ און מענטש, לעבן, ליכט —
מיט זיי געבענטשט און אויפגעריכט.

ווײַן פֿון לעבן

ווײַן פון לעבן, וויפל כ׳טרינק דיך
איז מיר אַלץ נאָך נישט גענוג;
עס פאַרשיכורט מיך און הייטערט
דײַן ערדיש־הימלישע מוזיק.

ס׳טריפן זיסע לעבנסזאַפטן
גלײַך אין האַרצן מיר אַרײַן;
דינע זונשטראַלן, ווי אָדערן,
נערן מיך מיט ליכט־און־שײַן.

אָפגעלאָפן און אַנטרונען
זײַנען טראָציק־יונגע טעג
און צעטרענצלט, שוין אויף שטענדיק,
איז דער טײַערער פאַרמעג.

און געבליבן זײַנען, ציטעריק,
זיקנה־יאָרן, וואָס באַשערט
אויסצולעבן, אויסצוטרינקען
אויף גאָטס אויסדערוויילטער ערד.

לאָמיר

לאָמיר אין אַלע אונדזערע טעג
דערמאָנען די וואָס זייַנען אַוועק,

די וואָס זייַנען אין אונדזער מיט
אַרומגעגאַנגען און זיך געמיט.

לאָמיר פאַרקריצן זיך אין געדאַנק,
אַז ס׳זייַנען טעג אַ הייליק געשאַנק.

ס׳זאָלן מינוטן ווי טראָפּנס טוי
דערפרישן ס׳חיות און ריין זייַן אַזוי.

לאָמיר דערטראָגן אַ לעבן ביז ענד
נישט פאַרטמאַט און נישט געשענדט

מיט מעשים־תעתועים, גייַציקייט,
נאָר לויטער־ריין, און מיט פרייד

נעמען אויף זיך דעם לעבנס־עול
און זאָגן "מה־טוב" — אַלע מאָל.

* * *

אין פרילינג־אינדערפרי

ווידער גיי איך, אין פרילינג־אינדערפרי,
די פייגל טרילן איבער מיר: טרי־לי,
און די זון — אין מילדן, פריען גלי

וואַרעמט, קרעפטיקט מייַנע טריט,
טייַעט מייַן פאַרפרוירענעם געמיט —
מיט ליכט פון לעבן און פון ליד.

ווידער בליט דער גאַנצענער אַרום
מיט צווייַג און קנאָספּ, פלאַנץ און בלום
און מיט פייגלשן געזאַנג און זשום.

און דער הימל העלט ווידער איבער מיר,
ס׳ציטערן האַרצסטרונעס ווי אַ ליר —
מיט ווייַניקן געברויז פון שיר.

אין מײַן גאָרטן

פאר מעינקע און רבקה קאַץ

אין מײַן גאָרטן, אונטער צווײַגן,
רו איך אין נאָכמיטאָג־שעהן;
און דער גרינער גראָזן־טעפּעך
שפּיגלט זיך אין הימל־בלאָען.

ס׳שפּילט אַ ווינטל אויף די צווײַגן
און באַוועגט די בלעטלעך צאַרטע;
און די זון שײַנט מילד פון אויבן
אין אַ חסד־שעה געגאַרטע.

אין אַ שטילער שעה פון שלווה,
פון השתפּכות און געלײַטער,
ווען דו בענטשסט דײַן קליינעם גאָרטן
און די וועלט די גרויסע, ברייטע,

ווען דו הייליקסט ס׳ליכט פון לעבן
און די נאַכט פון לאַנגן נישטזײַן;
ווען דו טרינקסט אַיעדע רגע
ווי געקעלטערט־אַלטן ווײַן.

אָ ווי ס׳זאַמלען זיך די יאָרן
און שטראָמען אָפּ אין אייביקייט;
ווי סע בליען, ווי סע וועלקן
לעבנס פול מיט לײַד־און־פרייד.

אין מײַן גאָרטן, אין פאַרנאַכט־שעה,
אינעם בלאָען שײַן פון דעמער,
שעפּ איך טרייסט, גענאָד און שלווה —
דורכזיכטיקע פולע עמער.

* * *

מײַן מקלט

פֿאַר מידע טריט, וואָס גאַרן
נאָך היים און רו, —
אַוווּ דער מקלט, אַוווּ?

ווײַסער בן־מלך

מיט ערשטן אַרויסקום אויף אָפּענער וועלט,
אין מילד־ווייכער, ווײַסער דעצעמבער־קעלט,

שפּאַן איך אויף טעפּער פון ווײַסן שניי
און אָטעם אַרײַן די קילע פרײַ.

כ׳שטרעק מײַנע הענט אויס צו אָפּענער ווײַט
זי אומצואַרמען מיט גלוסטיקער פרייד,

און זע ווי ס׳צעבליט זיך פאַר מיר אַ טאָג —
אַ טײַערער אוצר וואָס איך נאָר פאַרמאָג.

וויל איך אים צערטלען מיט ליבשאַפט־טרײַ,
דעם פּשוטן דינסטיק פון ווײַסבלאָען שניי,

באַקרוינט און באַלוינט מיט זוניקער האַנט —
ווײַסער בן־מלך פון ווינטערלאַנד.

* * *

מײַן מקלט

דײַנע גרינע פליינען שוועבן
פאַר מײַנע אויגן פריידיק־אומגעריכט;
די זילבערפלאַכן פון די אָזערעס
מיניען מיט אַ שפּעדיקער ליכט.

נאָענט און טײַער ביסטו מיר, מײַן מקלט
פון אַלע בראַנדפײַערן פון דער וועלט.
גוט איז מיר, מײַנע געפלאָגטע ברידער,
וואָס האָבן דאָ באַנײַט זייער געצעלט.

ווינטער־אידיליע

ווייך־ווייך סקריפּען די טריט
איבער דעם שימער פון שנייען
אויף מײַן טעגלעכן גאַנג
אויף שטילע גאַסן, אַלייען.

דער הימל אויבן — קלאָרבלאָ,
די קעלט — אַ מילדע, אַ גוטע,
ס'דרימלען די הײַזער אַרום
אויף גאַסן שטיל־באַרוטע.

* * *

די גוטע בשׂורה

פלאַטערנדיק מיט די ווײַסע פליגל,
צוויי טויבן שנײַדן פריידיק־פרײַ
אין קילן העלבלאָען פרימאָרגן,
און קראַקען צו דערבײַ,
שפּרייטן איבערן סקווערל
די גוטע בשׂורה —
דעם אָנקום פון פרילינגצײַט,
נאָך לאַנגע טעג פון פראָסט און ווינטער.

דער העלד

דער פרילינג עפנט פֿאַרבאָרגענע קוואַלן
פון לעבן און פרייד, געזאַנג און בלי;
מילד־קילע ווינטלעך קומען אָנזאָגן
זײַן גענענען פון ווײַטן נישטהי.

אין דרויסן ליגן, אין שנייען פֿאַרצויגן,
די שטאָט און די גאַסן, ס׳אָפענע פעלד;
נאָר ס׳קומט און נענטערט, אין זוניקער קרוין,
דער יונגער פרילינג — דער העלד.

* * *

ווונדער

ווונדער איבער ווונדער
אין מיטן העלן טאָג:
די וואָלקנס — שאָף און רינדער
פון זונפֿאַסטעך געיאָגט.

די הימלברייט — אַ לאָנקע
און דער גרינער וואַלד —
אַ בליאיקער אָרקעסטער,
וואָס רוישט און שאַלט.

דער יונגער טאָג

די זון — אַ שקיעה־רויז, געצונדן
אין האַרץ פון קרעפּטיק־יונגן טאָג,
וואָס איז בײַם ראַנד פון באַרגוואַלד
אַוועקגעפאַלן אין מידן שלאָף.

דאָס גערויש פון דרעמלענדיקע גאַסן,
דער נאַכט־געזשום פון סאַזשעלקע אין וואַלד,
דאָס שטיל־געלעכטער פון פאַרליבטע —
זײַנען אָטעמצוגן פון זײַן ברוסט.

דער סודות־פולער צווײַגנפלעכט צוקאָפּנס —
זײַנע האָר די צעשויבערטע.
ס'האָט דער ווינט זיי אויסגעקעמט,
און די שטערננאַכט האָט אים פאַרטוליעט.

* * *

דער בוים

דער בוים האָט אויסגעשטרעקט זײַן שטאָלצן קאָפּ,
די דינע ראָזע בלעטעלעך צעעפנט האָט ער,
איצט שטייט ער רואיק און ער וואַרט,
ווי אַ יונגפרוי, פריש און שיין,
ס'זאָל עמעץ, אַ פאַרבײַגייער, זיך אָפּשטעלן,
אים אָנקוקן און לויבן.

דער שטורעם

ס׳האָט זיך צעשטורעמט, צעדונערט,
פֿײַערבליצן האָבן מיט קראַפֿט
געשניטן דעם חלל, פֿון שרעק האָט
געציטערט דער גאָרער באַשאַף.

דערנאָך האָט אַ בראשיתדיק ליכט
איבערן וואַלד זיך צעוויַיסט;
און מיט אַ מאָל האָט דער שטורעם
אין רעגן זיך אויפֿגעלייזט.

ר׳האָט געגידערט אַראָפּ, אַראָפּ,
געשמיסן דעם שמאַכטיקן גרונט,
באַפֿרוכפּערט, געזאַפּטיקט ס׳געבלי,
ס׳זאָל אויפֿגיין דופּטיק און בונט.

* * *

ווונדערלעך

ווונדערלעך, ווונדערלעך־שיין
שפּרייט זיך דער הימל און העלט:
אַ ליכטטייַך אַ ברייטער, אַ ים,
אַ זוניק־צעצונדענע וועלט.

און ס׳ליכטיקט, סע שייַנט און העלט
אויף שטאָט, אויף גאַס און פֿליין.
גוט־מאָרגן דיר, זוניקע וועלט!
ווונדערלעך, ווונדערלעך־שיין.

שקיעה

אויפן ברייטן האָריזאָנט פון הימל,
מאָלט אויס די שקיעה אַ ווונדער געווימל.

ס'קומען דאָרט אויף און גייען אונטער
צעשויבערטע ריזן אין פײַער־צונטער.

און כמאַרעס, געדראָלן, ווי שוואַרצע שלאַנגען,
פאַרכאַפּן די שקיעה מיט וואָלקנשע צוואַנגען,

פאַרוואַרפן פּעטליעס מיט פּעכיקע שלייפן
און לעשן מיט טונקל די הימלישע שׂרפה.

און ביסלעכווײַז נעמען די שקיעה־בראַנדן
פאַרגיין און זינקען אויף הימל־ראַנדן,

און טונקלעניש הילט אײַן אין דינע טיולן
הימל און ערד מיט אַ שטיל איילעליולען.

* * *

פאַרשטילט

די זון נידערט
אויפן מעריב־האָריזאָנט;
די נאַכט שיילט זיך אויס
פון אָנגעגליטן זומערטאָג.
דער הייסער אַספאַלט
איז אָפּגעקילט,
דער פאַררויכטער הימל —
אײַנגעהילט אין בלאָ.
אַ ווינטל פרישט
די איינצלנע פאַרבײַגייער.
פאַרשטילט איז דער סמבטיון
פון דער גרויסער שטאָט.

זומער־פּאַרנאַכט

פאַרגאַנגען איז דער זומער־פּאַרנאַכט
אין שקיעה, אין פורפורנער פּראַכט.

באַלד האָט אַ רעגנדל זיך צעשפּילט,
אין מילדן שפּריי די וועלט איַינגעהילט,

אָן דעכער געקלאַפּט, אָנגעשלאָגן,
דעם שטויביקן ברוק אויסגעצוואָגן.

און ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט,
האָט ווינט זיך צעלאָזן איבער דער ערד,

אַרומגעשטיפט מיט צווייַג און בלעטער,
אויף הויכע קוימענס אַרויפגעקלעטערט,

ביז ס׳האָט די נאַכט, אין בלאָ איַינגעהילט,
אים איַינגענומען און פאַרשטילט.

* * *

מיר דאַכט

אויבן — הימלבלאָ,
זונפאַרגאַנג דערינען;
וויַיסגראָע וואָלקנס רוקן אָן
די שקיעה צו פאַרשפּינען.

ס׳לעשט פּאַמעלעך זיך דער פלאַם —
אַ פיַיערדרויז וואָס וועלקט.
מיר דאַכט: אַזוי גייט איַין
ס׳האַרץ פון דער וועלט.

אין דער נאַכט

די שוואַרצע ביימער וויגן זיך אין נאַכט
און רײַסן פון איר זײַד מיט קרומע צווײַגן.
עס ליגט די שטאָט אין אימהדיקן שווײַגן,
אויף שיפּוע דעכער פאַלן לעשנדיקע שטערן.
ווער וועט דאָס מורמלען פון די בלעטער הערן?
דאָס ציטערליד פון בוים אין ווינט צו גאָט,
דאָס שטומגעוויין פון אָנגעגליטער שטאָט,
וואָס איז אין אָנמאַכט אויסגעגאַנגען
אין די טונקל-בלאָע פאַלדן פון דער נאַכט.

* * *

מאָונט-ראָיאַל

צופוסנס —
די שטאָט, אויסגעצירט
מיט סטענגעס עלעקטריש ליכט,
רוישט מיט קולות פאַרשטיקטע
פון אויטאָס, טראַמווייען און באַנען.

סע שטערענען
הימל און ערד זיך אַקעגן:
אויבן —
ס׳אייביקע ווערק פון באַגרינדער,
אונטן —
געמײַסטערטע מי
פון מענטשנקינדער.

אײַל־שעהען

אויטאָס, מאָטאָרן געצונדן,
שערענגעס נאָך אַנאַנד.
די לופט איז הייס און געדיכט
פונעם בענזין־געשטאַנק.

רויטע לעמפּעלעך בלינקען,
פויזען פּאַמעלעך פּאָרויס.
ס'שטיקט זיך די מעטראָפּאָליע,
וויל פון איר הויט אַרויס.

ס'יערט איר גוף פון בעטאָן
און די אַרטעריעס אַספּאַלט;
משחיתים פון גומע און שטאָל
ליאַרעמען אַ געוואַלד.

ציען זיך, דרענגען און אײַלן
איבער אומענדלעכע מײַלן.

* * *

באַלד

באַלד וועט די זון אויפשײַנען,
אַרומנעמען מיט אירע ליכטשטראַלן
די גאַנצע ערד,
וואַרעמען בוים און מענטש
און בעלי־חיים —
מיט איר היילנדיקן אָטעם.

אויף אַ זײַטיק שטעגל

די זון — אַ פײַערקויל־בריליאַנט,
געפּאַסט אין הימלבלאָ געוואַנט —

דעם זומערטאָג זעגנט אָפּ און קושט,
איידער זי פאַרגייט, ווערט נישט

אינעם טונקלבלאָ, וואָס זיך שפּרייט
איבערן חלל ווײַט און ברייט.

אַ שטערנלאָזע נאַכט קומט אָן,
כמאַרעדיק, אין זיך פאַרטאָן.

דעמאָלט גיי איך אום באַזאַכט
אויף אַ זײַטיק שטעגל און באַטראַכט

ווי סע שאָטענען בלאַט און צווײַג
אין אַ שלווהדיק געשווײַג.

און איך חשבון, זוך אַ זין
פאַר מײַן טאָג, וואָס ווי די זון

איז אויסגעגאַן אין טונקלבלאָ
אין טיפן נאַכטיקן נישטאָ.

* * *

טעג

ס׳עפּענען טעג זיך, ווי קנאָספּן וואָס וואַרטן
אויף זייער צעבלי אין אַ זוניקן גאָרטן.

כ׳וואַנדער אַרום איבער גראָזיקן פעלד
און צוואָג אויס מײַן קאָפּ אין זוניקער העל.

כ׳שווים אינעם זונטײַך מיט זעל, מיט גוף
אין הימל־רחבות — אַרויף, אַרויף.

אינדיאַן ריווער

ריטמיש, גלײַכמעסיק, אָן אויפהער
שלאָגן די וועלן פון אינדיאַן ריווער
אין האַרץ פונעם זאַמדיקן ברעג.
די זון פאַרליכטיקט דעם פלאַך,
סע מיניען און וויגן זיך וואַסער־שפּיגלען.
דער טײַך גלײַכט זיך אויס, האָט הנאה,
געדולדיק פאַרנעמט ער ס׳געריוש
פון שיפלעך, וואָס שנײַדן אים דורך אין געלויף,
און שמייכלט גוטמוטיק צו אַלע וואָס רוען,
ביז צו פאַרגעסונג, ביי זײַנע ברעגן.

* * *

ווײַסע שוימען

ווײַסע שוימען שלאָגן נאָך אַנאַנד
די פלאַכע זאַמדן פונעם לאַנד,

קײַקלען פון די כוואַליעס זיך אַראָפּ,
אין ווילדן שוימיקן גאַלאָפּ.

זיי ווערן נעלם פונעם אויבערפלאַך
און לאָזן נאָך זיך אַ שוימען־שליאַך.

און קומען אויף מיט קראַפט באַנאַנד —
צו שטורעמען די זאַמדן פונעם לאַנד.

נאָרט־יאָרק

דאָס האַרץ איז פול מיט שטאָלץ,
די אויגן רײַסן זיך אין די הייכן,
ווו ס׳טורעמען גלאָז־ און שטאָל־געבײַען,
מיט אַרקאַדעס ברייטע, קילע אונטערוועגן.
פון אַלע זײַטן שפּאַרט די שפע,
פון גלאַנציקן מאַרמאָר, צעלויכטענע וויטרינעס;
און גײַסט־אוצרות, אויף זעקס רחבותדיקע גאָרנס,
אָפּן־פרײַ — אין נאָרט־יאָרק סענטראַל לײַברערי.

נאָרט־יאָרק, מײַן לעצטע היימשטאָט
פון שאָטנדיקע גאַסן, איין־פאַמילע־הײַזער
און מאַסיווע וווינגעבײַען, קאָנדאָמיניומס,
כ׳דערקען דיך נישט פון יאָר צו יאָר,
מיט יעדן חודש וואַקסטו גרעסער, שענער —
צו פאַרהיימען וואָס אַ מאָל מער נײַקומער,
וואָס ווערן אויפגעריכט אין דיר
מיט האָב־און־גוטס, מיט נײַלעבן.

* * *

אויף דער עסטראַדע

אויף דער עסטראַדע — הונדערט חוהס טעכטער
אין טאַנץ זיך טיילן אָפּ, זיך פלעכטן

מיט גופים דינע — בייגעוודיקע שלאַנגען —
זיי שוועבן אויף די פליגל פון געזאַנגען.

טויזנט אויגן פאָלגן נאָך אין פאַרגאַף,
דעם בלענד פון געטלעך־מענטשישן באַשאַף.

ס׳דונערט פון אַפּלאָז דער גאָרער זאַל,
ווי דאָס גערויש פון אַ וואַסערפאַל.

לייק אָנטעריאָ

ווייַסע מעוועס פלאַטערן און שוועבן
איבער לייק אָנטעריאָס וואַסער־שפּיגל,
און זיי שפּרייטן אינעם הימל־חלל
ווי שלום פּענער זייערע פליגל.

ווייַסע שיפלעך, זעגלען אויסגעשפּרייטע,
שוימען איבערן וואַסער ווי די שוואַנען;
ס׳ציען זיך אין ווייַטע האָריזאָנטן
שלווהדיקע ווייַסע קאַראַוואַנען.

לייק אָנטעריאָ, צירונג פון טאָראָנטאָ,
היימשטאָט מייַן, טראָציקע און יונגע, —
דייַנע קרישטאָל־בלאָע וואַסערפלאַכן
אויף לשונות צוויי כ׳טו באַזינגען.

אויף מייַן יידיש לשון, אויף דער לאַנדשפּראַך —
בעבער שוימיקע מיט זאַפט־געטראַנקען;
כ׳טרינק און קראַפטיק כ׳ווער פוןביידע —
מיט לויבלידער און דאַנקען.

* * *

דער רעגנבויגן

פנימער רונדע, ברייטנעזיקע,
געהאַמערטע שוואַרצע קאָנטורן;
רונדיקע מאַמעס כינעזישע,
שטאַלטנע און שלאַנקע פיגורן.

בירגער קאַנאַדער געקומענע
פון ווײַטע מקומות, ערדטיילן;
פון נויט און מלחמה־פּײַנען
אַיעדער פון זיי קען דערציילן.

שוואַרצע, כינעזער, וויעטנאַמער,
קינדער פון פעלקער און ראַסן,
פאַרנעסטיקט אין דער מעטראָפּאָליע,
אין אירע הײַזער און גאַסן.

ס׳מישן זיך אויס די לשונות
פון פעלקער און קאָנטינענטן;
ס׳פלעכטן זיך קלאַנגען און פאַרבן,
ווי רעגנבויגנס וואָס בלענדן.

זייערע קינדער דאָ וואַקסן
פרײַ פון פאָראורטייל און מוראס;
בירגער פון לאַנד — קאַנאַדער,
יונגע און מונטערע דורות.

יִדיש־קלאַנגען

שורה צו שורה, וואָרט צו וואָרט,
זאַמל איך אָן מײַן פאַרמעג, —
שׂכר פאַר אַלייניקע טעג.

אין מלכות

פאַר דוד וואָלפּע

אין מלכות פון שיינקייט און טרויער
זוך איך פאַרגעסונג, דערהייבונג.
אַנטקעגן הבלים־געלויער —
אַ הימען צום דאָזיין, צום לעבן.

אין שורות ווי זיידענע טיולן,
וואָס שורשען מיט צויבער געהיימען, —
שטיל־צאַרטע טרייסט־איילעליועז
אַנטקעגן דעם אין־סוף פון אימה.

ס׳שפּראָצן ווי ליכטצוויט די שטערן
און זונשטראַלן צערטלען און גלעטן;
ווי זערנעס פאַרבאָרגן עס יערן
די זריעה פון באַרדן, פּאָעטן.

אַנטקעגן דעם גרויל און שיגעון
פון רוצחיש־צעיושעטע שבטים, —
געזאַנגען פון ליבשאַפטן בלאָע
אין הייסן, באַרמהאַרציקן אָטעם.

* * *

יִידיש־ווערטער

אויפברעכן כ׳וועל די שאָל
פון אַלטעגלער־ביטער געמיט;
ווי זשיוויצע פון אַ בוים,
זאָל טריפן מיין יִידיש־ליד.

אָ יִידיש־ווערטער פירקאַנטיקע,
אין אייך איז פון לעבן די זריעה.
אַנטקעגן שׂינאה און גלייכגילט,
מיט ליבשאַפט וועט איר נאָך בליען.

דיַינע לידער

אין אָנדענק פון משה שולשטיין

כ׳האָב געלייענט הייַנט דייַנע לידער,
דייַנע האַרציקע און מוטיקע,
טרויעריק-בלוטנדיקע
לידער.

כ׳בין נאָכגעגאַנגען טראָט נאָך טראָט
אויף דייַנע וועגן אין ווייַטער שטאָט,
ווו סכנה האָט אויף דיר געלויערט;
ווי אַ שאָטן האָב איך דיך באַגלייט
און מיטגעפרייט זיך מיט דייַן פרייד
און געטרויערט מיט דייַן טרויער.

כ׳האָב אָנגעטאָן די געלע לאַטע,
וואָס האָסט אויף דייַן לייַב געטראָגן
(ווי ס׳האָט געטראָגן זי מייַן טאַטע),
און ס׳האָט דער ווי פון דייַנע שורות
געטרייסט מיך און געשלאָגן,
געפּייַנט און געגלעט —
אומבאַקאַנטער ברודער
און פּאָעט.

ווייַזט אויס אַזוי
איז אונדזער גורל —
זייַן ווי בלאַט געיאָגט אין ווינט
פון געוויטער,
נאָר גאַנץ און שטאַרק
מוז בלייַבן אונדזער ליד.
פאַרברענען זאָל עס אין געלייַטער —
דעם האַס פון אַלע טייטער.

* * *

כ׳וואָלט

כ׳וואָלט אין דער לאַנגער, שלאָפלאָזער נאַכט
אַ ליד פון מײַן אומרו געקנאָטן.

כ׳וואָלט ווי אַ נאַכטוואַנדלער זיך זוכן געלאָזט
די פרייד, וואָס איז מיר אַנטרונען.

כ׳וואָלט ווי אַ הונט אין נאַכט אויסגעוואָיעט
מײַן גאַרונג נאָך לעבן און שירה.

כ׳וואָלט בײַ דער גריווע פון צײַט אָנגעכאַפּט
און זי פאַרהאַלטן, אין אַמאָק־געלויף,

ס׳זאָל אַ דערשראָקענער אָפּטרעטן פון מיר
דער לויערער — דער טויט.

* * *

ערב

אונטערן שאָטן פוןביימער און בלעטער,
אויף שטילער עוועניו, אין שעה דער שפּעטער,
שפּאַן איך געמיטלעך, שפּאַן און וואַרט —
אויף וואָרט־און ניגון, העלבלאָ און צאַרט,
ווי די קרוינבלעטער אויף צווײַגן אין הייך —
געאָדערטער סאַמעט, טוייִק און ווייך,
און ווי די בין, וואָס מיט פריידיק געזשום
טראָגט זיך אין גאָרטן פון בלום צו בלום,
און ווי דער פויגל אויפן שפּיצבוים,
וואָס זינגט אַריבער — צום ליכטיקן רוים,
און ווי דער קלאָרווײַסער הימל־געוועלב,
וואָס זוניקט איבער דער גאָרער וועלט.

דאָס גלאַטע פּאַפּיר

דאָס גלאַטע שטיקל פּאַפּיר
וואַרט אויף ווערטער־תּיקון.
פּאַמעלעך די ווײַזערס זיך רוקן,
אַ שעה גייט אויס אין מינוטן.
דאָס בלעטל איז ליידיק, אַזוי ווי
אַ נאַקעטער בוים, אָן בליטן.

* * *

פון וואַנעט?

ווי אַ לאַנג־דערוואַרטע, גוטע בשׂורה,
ווי אַ טויב פון תּבֿה — קומט די שורה,

ווערטער ריינע, אויסגעטאָקטע קרעלן,
זיי זאָלן ס׳האַרץ דערפרייען, ווווילגעפעלן

יעדן, וואָס דער קלאַנג פון היימיש לשון
איז נאָך אים אין האַרצן נישט פאַרלאָשן.

פון וואַנעט איז דאָס ליד געקומען?
צי פון טיפעניש פון דער נשמה,

צי פון דרויסנדיקער פרײַער וועלט?
מיט איין מאָל האָבן אויפגעהעלט

און זיך צעשפּילט אין מײַנע בלוטן
די השראהדיקע, טײַערע מינוטן,

ווען ס׳נעמען ווערטער־בייטן גרינען, בליען,
און דינע, ריינע שטראָמען נעמען ציען —

אין טײַך פון לעבן און פון שירה,
אין געברויז פון פרייד און גבֿורה.

אין בלענד פון האַרבסט

אָן אַ לשון, וואָס זאָל פונעם באָדן,
ווי אַ פלאַנץ, אין זון און טוי געבאָדן,

אויפבליען מיט פרות און מיט לעבן —
דאָס איז, יִדִיש־זינגעַר, דיר געגעבן.

כמאַריק און אַלייניק — דייַנע טעג.
קענסט נישט זאָגן: "דאָס איז מייַן פאַרמעג,

וואָס אַ יורש קומען וועט און אַרבן."
ווי אַ רעגנבויגן, רייַך אין פאַרבן,

ביסטו אויפגעקומען, יונג און אומגעריכט, —
אין בלענד פון האַרבסט און שקיעה־ליכט.

* * *

מוזיק

דינע קלאַנגען פון מוזיק
אינעם עטער אויפגעבליט,
ווי אַ פרישער רעגנשפּריי,
ווי אַ פריילינגדיקער צוויט.

שטילע קלאַנגען פון מוזיק
דרינגען דורך, נעמען אַרום,
ווי אַ היילונג, זאַנפט און ווייך,
ווי אַ תפילה שטיל און פרום.

מײַע לידער

מײַנע לידער קומען צוריק
פֿון לענדער װײַטע, פֿרעמדע
און בלײַבן ליגן אויף מײַן טיש
פֿאַריתומטע, פֿאַרשעמטע.

זײ האָבן װאָכנלאַנג געװאָגלט
איבער באַנען, שיפֿן,
ביז זײ האָבן זיך דערשלאָגן
אויף רעדאַקציע־טישן.

נעם איך זײ, נעבעך, צוריק
אַרײַן צו מיר אין שטוב;
בלויז בײַ מיר איז זײ גוט,
װײַל איך האָב זײ ליב.

בין איך װאַך אַ גאַנצע נאַכט,
ס׳װאַכן מיט די שטערן;
לײען איך פֿאַר מײַנע לידער,
װאָס קײנער װיל נישט הערן.

* * *

כ׳װעל זיך אומקערן

כ׳װעל זיך אומקערן אַ פֿאַרשולדטער
און בעטן מחילה אויף די קני:
כ׳האָב נישט דערשאַצט דיך, מײַן אוצר,
כ׳האָב נישט פֿאַרהיטן דײַן מי.

בין געבליבן אַ לײדיקער שײַער,
אָן תבואה, אָן זריעה, אָן שניט;
דער אָסיענװינט װײעט מיט קעלט
מיר אין האַרץ, אין געמיט.

פּאָעזיע

שוואַרצע אותיות פון ליד —
ווייַן געקעלטערטער פון לעבן,
וואָס צינדט אָן מיט פרייד
מייַנע נשמה־געוועבן.

שוואַרצע אותיות, שורהלעך,
נאָר פאַר די וואָס אויסדערוויילט;
אייַנזאַמלונג — קאָליר און קלאַנג,
האַרצבאַלזאַם וואָס היילט.

כ׳טרינק פון פיל לשונהדיקן
ריינעם קוואַל פון פּאָעזי;
ס׳ווערט מייַן ווען דאַן באַלויכטן
מיט אַ ליכט פון נישט דאָ־הי.

* * *

וואָרט און שורה

וואָרט־ און שורה אומדערוואַרטע,
פּערל פון די טיפענישן,
וועסטו אויפטויכן און בלענדן
מיט אַ בליאַסק אַ נייַעם, פרישן?

יאָרן־בייטן פון אַ לעבן,
צעאַקערטע מיט מי און זריעה,
וועלן זאַנגען זון־געבענטשטע
אויפקומען פון זיי און בליען?

קוואַל פון שירה

פאַראַן לידער שטילע, צאַרטע, —
געזאַנג פון מילדע טענער,
און שטורעם־לידער רוישיקע,
וואָס פלאַטערן ווי פענער.

פאַראַן לידער שעמעוודיקע,
פאַרבאָרגענע ווי סודות,
און לידער ווי די פרילינג־טײַכן,
וואָס רײַסן מיט יסודות.

— אייביק זײַנען ערד און הימל
גאָטס מאַכטיקע יצירה;
אייביק איז דער לויטערקוואַל
פון שירה.

* * *

מיר שפּילן זיך

מיר שפּילן זיך אין ווערטער ווי קינדער,
גרויע, אַלטע קינדער;
מיר שאַפן מיט די ווערטער וווּנדער,
וווּנדערלעכע וווּנדער.

און ווי מע זאָל אונדז דאָ נישט דאַרפן
— און פאַרווינקלען און פאַרוואַרפן
מיר קומען אָבער־ווידער
מיט נײַע ייִדיש־לידער.

צו די פּאָעטן

ווי קומט איר דאָרט, אין יענע הײַזער,
ברידער מײַנע, דיכטער?
דאָרט וואַרט נישט קיינער אויף קיין טרייסטוואָרט,
וואָס זאָל דעם עול פון לעבן מאַכן גרינגער.
ווי קומט איר דאָרטן,
אויסדערוויילטע זינגער?

פאַר ווּעמען טראָגט איר
ס׳גאָלד פון אײַער האַרץ, פּאָעטן?
זיי האָבן שוין פון לאַנג זיך אויסגעבעטן,
אַלץ פאַר זיך אַליין, —
די אוצרות פון דער ערד
און פון זון די שײַן.

איר, וואָס האָט אין שעה פון לייַד
אָנגעטאָן דאָס טרויערקלייד
און אין אייגן בלוט געלאָזט זיך זאַלבן, —
ווּ וועט איר געפינען
ס׳האַרץ, וואָס בענקט נאָך טרייסט,
די דורשט, וואָס לעכצט נאָך ברונעם?

* * *

פּאָעטן ייִדישע קאַנאַדער

פּאַרבליבן שוין געציילטע ייִדישע דיכטער אין קאַנאַדע,
אַ שארית בלויז פון אַ געהויבענער פּלעיאַדע —
ייִדיש־שאַפער, וואָרטשמידן, פּאָעטן,
וואָס האָבן די קאַנאַדער ערד באַטראָטן,
געלעבט מיט ייִדיש־לשון, שטיל־פאַרווינקלט,
געצונדן פלעמלעך און ווי שטערנשײַן געפינקלט,
געמיט זיך און אַרויסגעגעבן בענדלעך לידער,
אָפטמאָל געשטרײַט, און פאַרבליבן גוטע־ברידער.

אַרומגעגאַן איז י.י. סיגאַל, ווי זײַן שטייגער,
ברוגזלעך־פאַרכמורעט, גאָר אַ שווײַגער,
אָבער פול־באַלאָדן מיט לידער און געזאַנגען,
ווי אַ בוים מיט פּרות רונד־באַהאָנגען.
און ראַוויטש, דער פעדאַנט און בעל־חלומות,
האָט פון אַלע וועלט־עקזאָטישע מקומות
דאָ זײַן היים געפונען, דאָ זײַן האַפן,
געמיט זיך אַ תנ״ך אַ ניי־ייִדישן צו שאַפן,
און געקרוינט האָט ער אין נעבט אין שפּעטע —
אַ צוקונפט־דור פון יונגע ייִדישע פּאָעטן.
און רחל קאָרן האָט דאָ אויפגעזונגען ווידער
אירע לויכטנדיקע ווײ־ און ליבשאַפט לידער.

געווען דאָ נאָך פיל־אַנדערע ייִדיש־שאַפער —
דער עניו און בעל־לשון משה שאַפיר,
און שקאָלניקאָוו, אסתר סיגאַל, מאַזע אײדע,
אַ היפּשע ייִדיש־דיכטערשע עדה.

(צאַרט און מוטערלעך געווען איז איידעס וואָרט,
איר הויז אַן אָפּענע, אַ וואַרעם, היימיש אָרט.)
אין ביבליאָטעק, אויף עספּלענייד, אַקעגן פּלעטשערס פעלד,
זיי האָבן יידיש־טישן דאָרט געפּראַוועט און געקנעלט,
מיט זאַפּטיק ליד און פּראָזע זיך באַנאַנד געקוויקט
און מיט שורות אייגענע אויך די וועלט באַגליקט.

פאַרגעסן כ׳טאָר נישט דעם פּראָלעטניק, שטערן שלום,
פאַר גערעכטיקייט דער קעמפער און פאַר שלום,
וואָס האָט אויסגעזונגען אין קאַנאַדע־לאַנד
די חבלי־לידה פונעם גרינעם עמיגראַנט.
(זיין ברודער יינגערער, המכונה איש־יאיר, —
אַ פּאָעט אַ תוכיקער, אָריגינעל ביז גאָר.)
און נח גאָטליב, אַהער פון ליטע זיך פאַרקליבן,
אין אָרעמקייט געלעבט, דאָך געשאַפן און געשריבן
לידער און פּאָעמעס פול מיט בענקשאַפט, היימוויי —
און אַליין אַרומגעגאַן צו פאַרשפּרייטן זיי.
דערמאָנען וויל איך שבתי פּערל, מירל שאַטאַן,
איינמאָליקע מחברים, וואָס געלעבט אין שאָטן,
און געשאַרט זיך אַרום דער שרייבערשער חברותא,
אויף אָוונטן געקומען פון די געסט ניו־יאָרקער, גרויסע —
לייוויק און לעיעלעס, רייזען, אָפּאַטאָשו,
זייער וואָרט צו הערן און פון זיי געניסן, נאַשן.

געקומען זיינען שפּעטער־צו פון מעבר־ימען
די ניצולים פון די טויט־לאַגערן און געטאָ־פלאַמען,
איעדער מיט זיין בראָך און מיט אַ טרערן־לאָגל.
איינגעשטילט אין פּיין געווען איז יוסף ראָגעל,
און חוה ראָזענפאַרב האָט מיט ברייטן שוווּנג
אויפגעזונגען איר גרזאַנג דרייסט און יונג.
און מיראַנסקי פּרץ, ביז היינט נאָך ווי אַ רימון
מיט משל און מיט ליד, מיט יידיש־הימען.

און דער בונטאַר, יצחק גאָלדקאָרן, מיט שאַרפֿע עפּיגראַמען,
האָט מאַסקעס אָפּגעריסן און געבראָכן פּענטעס, צאַמען.
און מרדכי חסיד, אין ביידע ייִד־שפּראַכן אַ געניטער,
פֿון צירופֿים אַפּאָקאַליפּטישע געוועז דער היטער.
האָב איך פֿאַרגעסן וועם? ש. מיצמאַכער און מרים קראַנט
פֿאַרדינען אויך צו ווערן אין מײַן ליד דערמאָנט.
און אין טאָראָנטאָ: יודיקאַ, ניסנעוויטש און נעפּאָם —
פּאָעטן פּראָלעטאַרישע פֿון נויט און קאַמף.
זיי האָבן אַלע דאָ אַ בלאַט פֿון ייִדיש־שירה
מיט האַרץ אַרײַנגעשריבן און מיט גבורה.

פּאָעטן ייִדישע קאַנאַדער, ווערט אויפֿסנײַ נתגלה
פֿאַר אַ דור דערוויַיטערטן פֿון די ריינע קוואַלן
פֿון לשון הײמישן, פֿון דער געהויבענער פּלעיאַדע,
פּאָעטן ייִדישע קאַנאַדער.

* * *

ייִדיש־קלאַנגען

ווו זײַט איר ווערטער מײַנע, ייִדיש־קלאַנגען
ראַשיק אויפגעשפּילטע אין מײַן וועזן?
מיט ליבשאַפט און באַדויער צו דעם וואָס לײַדט,
טרייסטווערטער — צום היילן און גענעזן.

ווו זײַט איר ווערטער מײַנע, שטילע, פרומע —
ווײַסע, פלאַטערדיקע טערקלטויבן?
צו אַלץ וואָס לעבט און מיט זיך אויף דער ערד —
מיט ברכה קרעפטיקער און מיט לויבן.

ווי פריע מאָרגן־טויען זײַט איר מיר,
וואָס נערן און באַוואַסערן די בלומען;
און פרישן אָפּ און זאַפטיקן מיט לעבן
ס׳פאַרחלשטע געמיט, דעם דאַרן גומען.

ווי דינע פלייט און פידל זײַט איר מיר,
ווערטער היימישע — לשון און געזאַנג,
וואָס מיט ניגון האַרציקן באַלייטן
ביזקל לעצטער שקיעה און פאַרגאַנג.

* * *

זינג

זינג אַ געזאַנג צום טאָג
דעם קלאָרן און ליכטיק־בלויען,
צום פרילינג וואָס קומט און געגענט
געבאָדן אין פריש־ריינע טויען.

זינג אַ געזאַנג צום געבלי,
צו קנאָספּן, וואָס ווערן צייַטיק;
צום האַרץ, וואָס צאַפּלט נאָך פרייד,
געבונדן אין פענטעס פון ווייטיק.

זינג אַ געזאַנג צום זייַן,
צום מענטש, בעל־חי און דומם;
צום לעבן, וואָס בליט און פאַרגייט,
אַזוי ווי דער רויך אין די רוימען.

זינג צו די אַלע וואָס זייַנען
צו נישט און צו שטויב שוין געוואָרן,
צו דורות נייַע, וואָס וועלן
נאָך שאַלן אין גילדענעם האָרן

פון לעבן, פון פרייד און גענוס,
פון פּייַן, פון צער און באַדויער.
זינג אַ געזאַנג צום טאָג
דעם קלאָרן און ליכטיק־בלויען.

* * *

א י נ ה אַ ל ט

יזכור־ליכט

ספר אָטוואָצק ... 9־7
די פּאַרטיזאַנערין ... 10
מאיר ווינער ... 11
געטאָ־העלדן ... 11
אוישוויץ־עלעגיע ... 13־12
זײַ געזעגנט ... 14
אויף חורבות ... 14
נישט קוק ... 15
מע דאַרף נישט קיין טרערן ... 15
קילער באַגינען ... 16
איך בין געבליבן ... 16
איז ווייניק? ... 17
צו פּוילן ... 17
אין פרעמדער שטאָט ... 18
ווי בלעטער ... 18
ווי אַ שבעה־זיצער ... 19
צער און צאָרן ... 20
צײַט מײַנע ... 20
צו אירווינג לייטאָן ... 21
ברידער־שוועסטער ... 22
סאַראַ שאָד ... 22
דאָך ... 23
כ׳ווייס ... 23
יהודה הלוי ... 24
אַ תּפילה ... 24
דער מיקדש ברענט ... 25
ווי יעקב ... 25
דאָס יידישע לאַנד ... 26
אַ לענדעלע ... 26
צוריקקום ... 27
רחמים ... 27
צו די בני־אברהם ... 28
דער לערער ... 29
פשטות ... 29
אייניקל און זיידע ... 30

באַזוניקט איַיך

אין געסלעך ... 33
פּאַרוואָס? ... 34
מאַמעס און זין ... 35
שיינע גאַסן ... 35
אין יענעם טאָג ... 36
און ווידער ... 38־37
אַ חלום ... 41־39
ווי שמשון ... 41
איך ראָט איַיך ... 42
ווען? ... 42
דער אָנגעווווירענער וועג ... 44־43
עלנט ... 44
בײַ דער מאַשין ... 45
פאַלקישע פרייד ... 45
באַזוניקט איַיך ... 46
אײַער גזע ... 46
צו די פייגל ... 47
ניקאַראַגואַ ... 47
מאַכטיקער בן־אדם ... 48
מײַן ליד ... 48

וויַין פון לעבן

אַ תּפילה ... 51
אין מיר ... 51
פרימאָרגן ... 52
אַ שוואַרצער פויגל ... 52
לערער און חכמים ... 53
ס׳ליכט פון חסד ... 53
מײַנע טעג ... 54
נישט בלויז ... 54
פּאַרגיב ... 55
וועג פון לעבן ... 55
אַנטפלעק זיך ... 56
יעדער טאָג ... 56
דער ים פון ליכט ... 57
בן־אדם ... 57

אָפּעראַציע 58
אַ מינחה 58
וואָלקנס טרערן 59
אַ קאַץ 60
געדעכענישן 60
גורל 61
פרייד פון לעבן 61
צום נייַעם טאָג 62
אַיעדע רגע 62
דער הימלוועג 63
טראָט נאָך טראָט 63
ווייַן פון לעבן 64
לאָמיר 65
אין פרילינג־אינדערפרי 65
אין מייַן גאָרטן 66

מייַן מקלט

ווייַסער בן־מלך 69
מייַן מקלט 69
ווינטער־אידיליע 70
די גוטע בשׂורה 70
דער העלד 71
ווונדער 71
דער יונגער טאָג 72
דער בוים 72
דער שטורעם 73
ווונדערלעך 73
שקיעה 74
פֿאַרשטילט 74
זומער־פֿאַרנאַכט 75
מיר דאַכט 75
אין דער נאַכט 76
מאָונט־ראָיאַל 76
אייַל־שעהען 77
באַלד 77
אוף אַ זייַטיק שטעגל 78
טעג 78
אינדיאַן ריווער 79
ווייַסע שוימען 79
נאָרט־יאָרק 80
אויף דער עסטראַדע 80
לייק אָנטעריאָ 81
דער רעגנבויגן 82

ייִדיש־קלאַנגען

אין מלכות 85
ייִדיש־ווערטער 85
דייַנע לידער 86
כ׳וואָלט 87
ערב 87
דאָס גלאַטע פּאַפּיר 88
פון וואַנעט 88
אין בלענד פון האַרבסט 89
מוזיק 89
מייַנע לידער 90
כ׳וועל זיך אומקערן 90
פּאָעזיע 91
וואָרט־און שורה 91
קוואַל פון שירה 92
מיר שפּילן זיך 92
צו די פּאָעטן 93
פּאָעטן ייִדישע קאַנאַדער 94־96
ייִדיש־קלאַנגען 97
זינג 98

נאָכוואָרט

„בלענדיקער האַרבסט" איז אַ המשך פון „צער און טרייסט" — מײַן בוך געזאַמלטע לידער, דערשינען אין מאָנטרעאָל אין 1989. ווי דאָס פֿריערדיקע בוך, שליסט די איצטיקע זאַמלונג אײַן לידער געשריבענע אין משך פון די איבער פיר יאָרצענדליק נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — אײַנגעסדרט אין פינעף טעמאַטישע ציקלען.

„צער און טרייסט" האָט געקראָגן אַ וואַרעמען אָפּרוף אין דער יידישער פּרעסע אין קאַנאַדע, די פאַראייניקטע שטאַטן און ישראל. אַ צאָל לידער זײַנען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן, פאַר און נאָכן אַרויסקום פון בוך, אין „פאָרווערטס", „לעבנס־פראַגן", „אויפן שוועל" און „פאָלקס שטימע". חוץ מזה האָט דער טאָראָנטער קאָמפּאָזיטאָר גוריון היימאַן געשאַפן און צוגעגרייט אַ העפט מיט מוזיק צו 25 לידער פונעם בוך. אויך מאיר באָגדאַנסקי פון לאָנדאָן האָט געשריבן קאָמפּאָזיציעס צו אַכט לידער. פאַר זיי — מײַן האַרציקער יישר־כוח.

ווי אין פריערדיקן בוך, וויל איך דערמאָנען מיט דאַנק דעם פּאָרשער פון קאַנאַדער יידישער ליטעראַטור, פּראָפ. אַדאַם פירסטענבערג, פאַר זײַן קאָלעגיאַלער הילף. כ'וויל אויך אויסדריקן מײַן אָנערקענונג צום בוך־קאָמיטעט בײַם טאָראָנטער יידישן קאָנגרעס פאַר צוטיילן מיר די האַרי און פלאָרענס טאָפּער פּרעמיע פאַר יידיש־שאַפונג אין 1989. די פאָנדן פאַר דעם פּריז זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן פון וויקטאָר און רינה טאָפּער אין אָנדענק פון וויקטאָרס עלטערן, וואָס זײַנען געווען באַקאַנט ווי קולטור־מענטשן און חובבי־יידיש אין טאָראָנטאָ.

ש. ס.